STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02407

DZSHYOVANI EPISKOPO

Gabriele D'Annunzio

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

גאַבריעלע ד׳אַנונציאָ

דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאָ

פון איטאַליעניש: מאַרק ראַקאָווסקי

וואַרשע 1925

דזשאוואני עפּיסקאפּא

לייטונג ליטעראַרישע: שלמה שײַנבערג
קינסטלערישע װ. װײַנטרויב

קלישע װ. גאָלדפערג
געזעצט: ש. קרעלנבויב, ג. װערצמאַן. פּולאַװ.

געדרוקט בא ברידער האָיצ-
קיעװיטש. װאַרשע, גענשע 15

געבונדן בא א. קאַמיען

Dziowani Episkopo
Gabriel D'anuncio

Tłomaczył z crginału włoskiego
M. Rakowski

Wyd. Sz. Jaczkowski i S-ka,
Warszawa, Leszno 27

Drukarnia B-ci Wójcikiewicz
Warszawa, Gęsia 15

צו מאַטילדע סעראָ.

באַרימטע מאַדאַם! דאָס דאָזיקע בוך, וואָס איך ווידמע אייך, טייערער פריינט מיינער, האָט פאַר מיר נישט קיין שום קונסט־ווערט! דאָס איז אַן איינפאַכער ליטעראַרישער דאָקומענט, וואָס איז פובליקירט געוואָרן, צו ווייזן די ערשטע אינסטינקטיווע אָנשטרענגונגען פון אַן אומרויִקן קינסטלער, וואָס האָט געשטרעבט צו אַן אַנטגילטיקער באַנייונג.

דאָס איז אָנגעשריבן געוואָרן אין רוים, אין יאַנואַר 1891 יאָר, נאָך 15 חדשים פון פולשטענדיקער אינטעלעקטועלער רו, פון פולער אומטעטיקייט, פון פאַרהאַסטע איבונגען אין אַרטילעריע קאַזאַרמעס. די פערזאָן פון דשיאָוואַני עפיסקאָפאָ איז דורך מיר מיט אַן אינטענסיווער נייגעריקייט באַטראַכט און שטודירט געוואָרן נאָך מיט צוויי יאָר צוריק. דער פילאָזאָף אַנדשעלאָ קאָנטי האָט זיך דאָס ערשטע מאָל באַקאַנט מיט דער דאָזיקער פערזאָן אין שפיטאָל סאַן דשיאַקאָמאָ,

אין קאַבינעט פון אַ דאָקטאָר. איך, דער אײדעלער פילאָזאָף און דער סימבאָלישער מאַלער מאַריוס-דע-מאַריאַ האָבן שפּעטער נישט אײנמאָל באַזוכט די פינסטערע שענק אויף אַלעסאַנדרינאָ נאַס, כדי זיך דאָרט צו באַגעגענען מיט דעם אומגליקלעכן שיכּור. עטלעכע װוּנדערלעכע צופאַלן האָבן מיט אַ סך צוגעהאָלפן אונדזער שטודיום. (אַנדשעלאָ קאָנטי האָט אַפילו געשאַפט אַ שפּריצער מאָרפיום פאַרן אומגליקלעכן באַטיסטאָ). אָבער דער זעלטנסטער שאַף, װאָס איז אױפגעזאַמלט געװאָרן מיט דער העכסטער פּינקטלעכקײט, איז געבליבן רוי, נישט באַאַרבעט אויף עטלעכע בלעטלעך נאָטיצן.

כאָטש איר זענט אַ שטענדיקע און טעטיקע אַרבעטערין, דאָך װײס איך נישט, צי עס איז אײך אַמאָל אויסגעקומען איבערצוטראָגן די לײדן, װאָס אַ דױערנדע הפסקה טראָגט אַרײַן אין אַ קינסטלערס באַװוּסטזײַן. װערנדיק באַפרײַט פון מיליטער-דינסט, איז מיר אָנגעקומען מיט גרויס מי זיך צוצוגעװײנען צוריק צו די פריערדיקע אײגנשאַפטן פון מײַן גײַסט, צו פאַרשטײן דעם אמתן באַגריף פון מײַן נײַעם אינערלעכן צושטאַנד. איך האָב באַדאַרפט קומען צו זיך, אָדער װי איך רוף דאָס אָן — זיך אויסרוען אַ ביסל. איך האָב

דאמאָלס פאַרשטאַנען, ווי טיף און אומפאַרמיידלעך עס איז אויף אונדז די ווירקונג פון פרעמדע מענטשן, כאָטש די פאַרשיידנהייט צווישן אונדז און זיי איז זייער גרויס; און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז עס איז אומגעהייער שווער אָפּצוהיטן אונדזער מאָראַלישע פערזענלעכקייט פון דער ווירקונג, וואָס עס האָט אויף אונדז דער קאָנטאַקט מיטן פּראָסטן פאָלק, צוזאַמען מיט וועלכן מיר לעבן און פאַרברענגען די צייט. קיין זאַך, מיין טייערע, קיין זאַך, וואָס מיר רעכענען, אַז זי איז שוין אונדזער, קען מען נאָך נישט זיין זיכער, אַז זי געהערט שוין טאַקע אונדז.

דער קאַוואַלעריסט, וועלכער איז געוווינט געווען אָפּצוזיצן צען שעה כסדר אויפן זאָטל אין אין לויף צו פאָכן די לופט, האָט געהאַט אַ מין פיזיש ווידערגעפיל צו דער אומבאַוועגלעכקייט פון דעם דאָזיקן זאָטל, צו די אויפרעגנדע איבונגען פון שרייבעריי. עס זיינען אַריבער עטלעכע שווערע וואָכן פון אומעט, אין וועלכע דאָס בּיסעלע ענערגיע האָט זיך צעשמאָלצן און צו נישט געוואָרן.

עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז מיין גאַנצע שרייבערישע פעיקייט איז אָפּגעשוואַכט, פאַרטונקלט אין צעווייעט געוואָרן. צייטנווייז האָב איך מיך געפילט

אַזוי ווייט פון קונסט, אַזוי פרעמד צו דער דאָזיקער אידעאַלער וועלט, אין וועלכער איך האָב געלעבט; איך האָב מיך געפילט אַזוי אויסגעוועבט, אַז קיין שום זאַך האָט מיך נישט געקענט אַרויספירן פון דעם לאַנגווייליקן צושטאַנד, אין וועלכן איך האָב מיך געפונען. איך האָב געמאַכט עטלעכע פרוון, אָבער אומזיסט: קיין שום ביכער, קיין שום לוקציעס האָבן מיך נישט געקענט באַפרוכטן. טייל אויסדערוויילטע בלעטער, וועלכע האָבן אַמאָל מיין נחת פאַרשיכורט — אַצינד בין איך צו זיי געבליבן קאַלט. צו מיינע אַלע פריערדיקע ווערק האָב איך געפילט אַן אָפּשיי, פונקט ווי צו אַ זאַך, וואָס איז שוין לאַנג אָפּגעלעבט, וואָס האָט נישט געהאַט קיינמאָל קיין שום פאַרבינדונג מיט מיין גייסט און וואָס האָט מיך געדריקט ווי אַן אומגעהייער שווערע לאַסט. עטלעכע סטיל-פיינע שטיקלעך, צווישן זיי אויך אַ פּראָזאַיש בוך, האָבן מיך פשוט אין כעס אַריינגעברענגט און חרפה פאַרשאַפט. די שענסטע קונסט-פאָרמען, פון וועלכע איך בין פריער פשוט אנטציקט געווען, האָבן מיר אַצינד אויסגעזען ווּסט און פאַלש.

קיינמאָל זאָגט זיך קיין קינסטלער מיט דעם אויפריכטיקסטן עקל נישט אָפּ פון זיינע פריערדיקע ווערק, אויב

ער טראָגט נישט אין זיך שוין זיין צוקונפטיק ווערק, אָדער האָט נישט דאָס באַוווסטזיין פון זיין צוקונפטיקער קראַפט.

אָבער אין אונדז, מענטשן פון אינטעלעקט, קומט פאַר די איבעראַרבעטונג פון אונדזערע גייסטיקע כוחות מיט אַזאַ טיפער פאַרבאָרגנקייט, אַז צייטנווייז זיינען טייל שוואַכע פאַזן אירע אַפילו פאַר די שאַרפזיכטיקסטע און אויפמערקזאַמסטע פון אונדז אומבאַגרייפלעך. אויב אונדזער אינטעלעקט איז תמיד באַדראָט: אי פון אַ פלוצלינקער באַשעדיקונג, אי פון אַ פּראָגרעסיווער דעגענעראַציע פון אונדזערע חושים, זיינען זיי, אַלס באַלוינונג דערפאַר, די דאָזיקע שוואַכע, איידעלע חושים אייביק באַוועגט אין דינסט פון דער קונסט. זיי אַרבעטן מיט אַזאַ סודותפולער און וואונדערלעכער טעטיקייט, אַז די פאָרמלאָזע מאַסע, וואָס זיי דערהאַלטן פון דרויסן, אַרבעטן זיי אויס בהדרגהדיק אין אַ פאָרם פון העכסטן לעבן. אין די ביידע מעגלעכקייטן: אי די טראַגישע, אי די גליקלעכע, האָבן איין זאַך אַ געמיינזאַמע: דאָס פאַרנעפּלטע און אומבאַגרענעצטע פעלד פון אונדזער אומבאַוווסטזיין.

איינמאָל, אין אַ יאַנואַר-אָוונט, בין איך מיר אַזוי

אַליין געשטאַנען אין גרויסן טונקעלן צימער; איך האָב מיר איבערגעבלעטערט עטלעכע צונויפגעזאַמלטע באָטיצן. צווישן זיי האָט זיך געפונען שוין באַארבעט מאַטריאַל און אויך נאָך נישט קיין באַארבעטס. עפּעס אַ מאָדנע אומרויִקייט האָט מיך דאַמאָלס אַרומגענומען. ווי טיף איך בין נישט געווען פאַרזונקען אין לעזן, דאָך האָט, ווי פאַר זיך, אין דער שטיל, מיין עמפּינדלעכקייט זעלטן גוט געאַרבעט. איך האָב באַאָבאַכט, אין דער צייט פון מיין לייענען, אַז מיין מוח האָט אומגעהייער לייכט פאָרמירט און פאַרייניקט פיל פאַרשיידענע געשטאַלטן. איך קען נישט זאָגן, אַז די דאָזיקע פענאָמענאַלע דערשיינונג האָט זיך באַוויזן בײַ מיר צום ערשטן מאָל, דאָך האָט זיך מיר געדאַכט, אז איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געפילט אַזאַ גרויסע אינטענסיווּיטעט. איך האָב מיינע אַלע אויסגעטראַכטע בילדער אָנגעהויבן זען אין זייער רעאַלער פאָרם, און מיין אומרויִקייט איז פון מינוט־צו־מינוט געוואָרן אַלץ גרעסער.

בשעת איך האָב אויף אַ קעפּל פון אַ העפט איבערגעליינט דעם נאָמען דזשיאוואַני עפּיסקאָפּאָ, האָט זיך פאַר מיינע אויגן, מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ, גלייך פאָרגעשטעלט די פיגור פון אַ מענטש. עס האָט זיך

מיר פֿאַרגעשטעלט נישט נאָך די קערפּערלעכע פיגור, נאָר אויך די מאָראַלישע פיגור. צום ערשט האָב איך באַמערקט שטריכן. איך קען נאָך ביז היינט נישט באַגרייפן יענע אינטואיציע: איך קען נישט רעכענען, אַז דאָס איז געווען דער פשוטער רעזולטאַט פון אַ מאָמענטאַלער דערוועקונג פון אַ טייל פון מיין זכרון, — איך האַלט דאָס גיכער פאַר אַ סוד, וועלכער איז צוּגויפגעוועבט פון פאַרשיידענע פסיכישע עלעמענטן, וועלכע ער קען נישט אַנטדעקט ווערן דורך קיין שום אויפשנעל־געמאַכטן אַנאַליז.

דאַמאָלס האָט דער ליבער און אומגליקלעכער מענטש, דער ליידנדער כריסטוס, אָנגעהויבן צו לעבן פאַר מיר (אויסער מיר? און אין מיר?) מיט אַזאַ שטאַרקן לעבן, אַז מיין אייגן לעבן איז אין זיינעם פאַרזונקען געוואָרן.

קיינמאָל, מיין טייערע, קיינמאָל האָט נאָך קיין שום ערדיש באַשעפעניש מיר נישט געגעבן קיין שטאַרקערע גייסט־באַוועגונג, קיינמאָל איז מיר נאָך נישט אויסגעקומען איבערצולעבן אָדער בייצוּוואוינען קיין דער הויבענערן און נאַטירלעכערן ווונדער פון פאַרשטאַנד: דאָ איז אַריינגעגאָסן געוואָרן אין גייסט פון אַ קינסטלער אַ נייע לעבנס־פעיקייט, און ער איז מיטאַמאָל אָנגעפילט גע-

וואָרן מיט אַ שעפערישער קראַפט. קיינמאָל האָט זיך מיר דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאָ נישט פאָרגעשטעלט אין קיין לעבעדיקערע פאָרם.

און מיט אים צוזאַמען האָבן שוין געאָטעמט און זיך געצאַפּלט וואַנצער, דזשינעווראַ, טשיראָ און דער אַל-טיטשקער: זיי האָבן געהאַט אַזעלכע בליקן, אַזעלכע באַוועגונגען, אַזעלכע שטימען און אַזאַ מין ספּעציפישן מענטשלעכן אָטעם, וועלכער לאָזט זיך נישט קיינמאָל פאַרגעסן, און יעדער איינציקער עפּיזאָד פון דער דראַמע האָט געהאַט אין זיך דעם כּוח אַרויסצורופן אַזאַ ווירקונג, וואָס איז נישט ענלעך צו קיין שום אַנדערער. און דאָס לויפן פון טאַטן מיטן זון אונטער דער ברענעדיקער זון איבער וויסטע ערטער, איבער ערטער, וועלכע זיינען פאַרשיט געווען מיט קליינע, שפּי-ציקע שטיינדלעך, צווישן ליימיקע זומפּן; און דאָס אַריינגיין זייערס אין דער שטילער שטוב, וועלכע איז געווען באַלויכטן און פוסט; און זייער וואַרטן, וואָס איז פאַרבונדן געווען מיט שרעקלעכער האַרץ-קלאַפּעניש; און דער ווילדער געשריי; און דאָס אָנ-כאַפּן זיך פון קינד אָן דעם קערפּער פון ברוטאַלן מענטש; און די שטעך פון מעסער אין דער מעכטי-קער פּלצייע; און דער קנאַק, און דער בלוט-שפּריץ;

און דזשיראָס גסיסה אין יענעם צימער, דעמערונגס־צייט; און ווייטער, ווי דער טאַטע איז פאַרבליבן מיט ביידע טויטע קערפּערס... אָך מיין טייערע, פאַרוואָס האָט מיך באַהערשט אַזאַ שווידערהאַפטע פאַנטאַזיע, און איך האָב געשאַפן אַזאַ שוואַך ווערק? פאַרוואָס איז יענער צופלוס פון מיינע קרעפטן אָפּגעשוואַכט און פאַרלאָשן געוואָרן אויף די דאָזיקע בלעטלעך?

אין אַטאָג אַרום האָב איך מיך גענומען צו דער אַרבעט. אויסשליסנדיק דאָס שלאָפן און עסן, האָב איך עטלעכע טעג געאַרבעט אָן אָפּרו מיט דער גרעסטער ענערגיע, און די דשיאוואַניס פיגור פון איז הויפּטזעכלעך באַנאַכט שטענדיק געשטאַנען אַ לעבעדיקע פאַר מיינע אויגן.

אָט דאָס, מיין טייערער פריינט, איז דער אָנהייב פון דעם דאָזיקן קליינעם ביכל, וועלכעס איך ווידמע אייך. איך רעכן, אַז דאָ וועט איר געפינען די ערשטע עלע־מענטן פון דער באַנייונג, וואָס איז שפּעטער פאָרט־געזעצט געוואָרן אין מיין ווערק „אומשולדיקע" מיט אַ שטאַרקערן מעטאָד, מיט אַ פונקטלעכערן אַנאַליז און איינפאַכערן סטיל.

דער גאַנצער מעטאָד באַשטייט אין דער דאָ־זיקער פאָרמולע: מען דאַרף אַליין דירעקט שטודירן

מענטשן און זאַכן, אָן שום וועלכער עס איז טראַנס-פּאָזיציע. —

אָבער ווער האָט דאָס חשק צו שטודירן? וויפל גע-פינען זיך עס מענטשן אין איטאַליע, וואָס פאַרשטיין די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן וואָרט? וויפל זיינען עס דאָ אַזעלכע, וואָס נייטיקן זיך אין אַ באַנייונג? וויפל מענטשן האָבן עס דעם גלויבן אין זייער אייגענער קראַפט, אין דער זיכערקייט פון זייער אויפריכטיקייט?

דאָך איז אין דער היינטיקער צייט אַרויסגע-רוקט געוואָרן דער דעוויז: — אָדער זיך באַנייען אָדער שטאַרבן. —

און איך, מיין טייערע, דער אייביקער זוכערן, וועל-כע גיט שטענדיק אין איטאַליע דעם בעסטן ביישפיל פון מענלעכער טעטיקייט, איך ווידמע איך דעם דאָ-זיקן דאָקומענט, וועלכער איז אַרויסגעגעבן געוואָרן צו וויין דעם ערשטן אינסטינקטיוון פּרווו פון אַ אומרויקן קינסטלער, וועלכער איז אַזוי באַגייסטערט פון דער קונסט, אַז ער קען זיך נישט אונטערגעבן דעם טויט — זייט באַגריסט!

גאַבריעלע ד'אַנונציאָ.

נעאַפּאָל, אין יום-טוב פון די „דריי מלכים" 1892.

ואנכי תולעת, ולא איש;
חרפת אדם ובזוי עם.

תהילים כב.

כל ראי ילעיגו לי.

תהילים כב.

שפטני כצדקך ה׳ אלהי
ואל ישמחו לי.

תהילים לה.

דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאָ.

אַלזאָ, מיין פריינט, איר ווילט דאָך וויסן... וואָס, אייגנטלעך, ווילט איר וויסן? וואָס דאַרף איך אייך דערציילן? אָבער וואָס?

— אַך, אַלץ! איר ווילט, איך זאָל אייך אַלץ דער־ציילן. אויב אַזוי דאַרף איך אייך דערציילן אַלץ. אַלץ פון אָנהייב ביזן סוף.

אַלץ פון אָנהייב אָן! ווי אַזוי וועל איך דאָס אָבער טון? איך ווייס דאָך אָבער שוין גאָרנישט; איך קען דאָך מיך שוין גאָרנישט דערמאַנען. וואָס זאָל איך טון דערצו, מיין פריינט? וואָס זאָל איך טון?

אָך מיין גאָט! — אָבער וואַרט. איך בעט אייך זייער, וואַרט אַ ביסל. האָט געדולד. האָט כאָטש אַ ביסל געדולד; איך ווייס נישט וואָס פריער צו רעדן. אויב איך דערמאַן מיך אַפילו אָן עפּעס, קען איך דאָס אייך אויך נישט דערציילן. ווען איך פלעג מיך געפי־נען צווישן מענטשן, בין איך שטענדיק געווען אַ שוויי־

גנדיקער. און אַפילו גאָכדעם ווי איך פלעג אויסטרינ־קען דעם ביטערן טראָפּן, פלעג איך אויך שווייגן. יאָ! שטענדיק געשוויגן.

ניין, נישט שטענדיק. מיט „אים״ פלעג איך רעדן; נאָר מיט „אים״ פלעג איך רעדן. אין שיינע זומער־אָוונטן, אינדרויסן, אויף פאַרוויילונגס־ערטער, אין די שטאָט־גערטנער. . . ער פלעגט־ארונטעררוקן זיין הענטל אונטער מיין אָרעם; זיין אויסגעמאָגערט, צאַרט הענטל, וועלכעס איך פלעג כמעט נישט פילן. און מיט פריי־לעכע פנימער פלעגן מיר זיך גיין און גיין צוזאַמען און שמועסן.

עלף יאָר. באַטראַכט נאָר, מיין פריינט: ער איז מער נישט אַלט געווען ווי עלף יאָר, אָבער גערעדט האָט ער ווי אַ דערוואַקסענער מענטש. ער איז שטענדיק געווען פאַרטרויערט ווי אַ דערוואַקסענער. עס האָט אויס־געזען, אַז ער קען שוין גוט דאָס גאַנצע לעבן, אַז אַלע צרות מאַכן זיין האַרץ ליידן. זיין מויל פלעגט נישט איינמאָל אַרויסרעדן ווערטער פון ליבע; די דאָ־זיקע ווערטער, וועלכע פאַרשאַפן אַזוי פיל פיין און לאָזן זיך קיינמאָל נישט פאַרגעסן!

ווער פאַרגעסט עפּעס? ווער?

איך האָב אייך איינגערעדט, אַז איך ווייס גאָרנישט;

אַז איך קען מיך גאָרנישט דער־אַנען. . אָך, דאָס איז נישט אמת!

איך דערמאַן מיך אַלץ, וועגן אַלעם. איר פאַרשטייט? איך דערמאַן מיך זיינע ווערטער, זיינע באַוועגונגען, זיינע בליקן, זיינע טרערן, זיינע זיפצן. איך דערמאַן מיך יעדער באַוועגונג פון זיין גוף פון דער ערשטער שעה אָן, וואָס ער איז געבוירן געוואָרן, ביז דער לעצטער שעה פון זיין טויט.

ער איז טויט. שוין זיבעצן טאָג, ווי ער איז גע־שטאָרבן. און איך לעב נאָך! אָבער אויך איך מוז שטאַרבן, איך מוז ווי צום גיכסטן שטאַרבן, איך מוז. מיין זון וויל, אַז איך זאָל שטאַרבן. יעדע נאַכט קומט ער, זעצט זיך לעבן מיר אַנידער און קוקט מיך אָן. שטענדיק קומט ער, אַ באָרוועסער, מיין אומגליקלעכער טשיראָ! און כדי צו הערן זיינע טריט, מוז איך גוט אָנשטעלן מיינע אויערן. ווי עס ווערט נאָר פינסטער, זעץ איך מיך אוועק און הער מיך צו. איך זיץ און הער. און ווען ער טרעט נאָר אַרויף מיט זיין פיסעלע אויף דער שוועל, דאכט זיך מיר, אַז ער טרעט אַרויף אויף מיין האַרץ... אָבער אַזוי שטיל, שטיל... עס טוט מיר גאָרנישט וויי... אָך, אַזוי לייכט, לייכט... אומגליקלעך נשמהלע!

אַלע נאַכט גייט ער באָרוועס. איר וועט מיר אָבער גלויבן, מיין פריינט? קיינמאָל איז ער באָרוועס נישט געגאַנגען, קיינמאָל אין לעבן נישט. איך שווער אייך.

איך וועל אייך עפּעס דערציילן. הערט גוט אויס. זייט אויפמערקזאַם. אויב עס שטאַרבט אייך אַ פּערזאָן, וועלכע איר האָט זייער ליב, מאַכט אַזוי, אַז עס זאָל אים אין אָרון גאָרנישט פעלן. טוט אים אָן, אויב איר קענט, מיט אייערע אייגענע הענט. באַקליידט אים אַזוי, ווי ער וואָלט געדאַרפט ווידער אויפלעבן, אויפהייבן זיך און אַרויסגיין. מאַכט, אַז דעם מת זאָל קיין איין זאַך נישט פעלן. האָט דאָס גוט אין זינען.

אָט, באַטראַכט נאָר די דאָזיקע שיכעלעך. — איר האָט קינדער? — ניין. אויב אַזוי קענט איר נישט וויסן, איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין וואָס פאַר אַ ווערט עס האָבן פאַר מיר די דאָזיקע אויסגעריבענע שיכעלעך, וועלכע האָבן נאָך באַהאַלטן די פאָרם פון זיינע פיסעלעך. עס איז מיר שווער דאָס אייך צו ב צו פאַרשטיין. קיין פאָטער וועט דאָס אייך נישט קענען געבן צו פאַרשטיין. קיינער וועט דאָס אייך נישט געבן צו פאַרשטיין

אין יענעם מאָמענט, ווען מען איז אַריינגעקומען אין מיין צימער, מיך אַרויסצופירן — צו זייבען דען

זיינע קליידער שוין נישט געלעגן דאָרט? צי האָבן זיי זיך דען נישט געפונען שוין אויף דער שטול לעבן בעט? פאַרוואָס האָב איך קיין אַנדערע זאַך נישט געזוכט, נאָר די שיכלעך? פאַרוואָס האָט מיין האַרץ, בשעת איך האָב זיי געזוכט אונטערן בעט, שיעור נישט געפּלאַצט פון געדאַנק, אַז איך וועל זיי נישט געפינען? פאַרוואָס האָב איך זיי דערנאָך באַהאַלטן, אַזוי, ווי עס וואָלט נאָך איבערגעבליבן אין זיי א טייל פון זיין לעבן? אַך, איר וועט דאָס נישט פאַרשטיין.

אין קאַלטע פרימאָרגנס, ווען ער פלעגט דאַרפן אַוועקגיין אין שולע אַריין... ער האָט געליטן פון ווינטער-ביילן; אָרים קינד! ווינטער פלעגן זיינע פיס פאַר ונדעט זיין, פאַרבלוטיקט. איך פלעג אים אָנטון די זאָקן, די שיכלעך. איך האָב מיך גוט אויסגעלערנט דאָס טון. דערנאָך פלעג איך, באַם פאַרבינדן זיי, זיך איינבייגן ביז צו דער ערד און פילן, אַז זיינע הענט, וועלכע זיינען אָנגעשפאַרט געווען אויף מיינע פּלייצעס, פלעגן ציטערן פאַר קעלט. און איך פלעג או[illegible]ישנע פאַרלענגערן די אַרבעט... איר קענט דאָס גאָרנישט פאַרשטיין.

דערנאָך, ווען ער איז געשטאָרבן, איז מיר פאַר-

בליבן די איינציקע פּאָר; די דאָזיקע, וועלכע איר זעט. איך האָב זיי אים אַליין צעראָפּגעצויגן. און אַזוי האָט מען אים באַגראָבן, פּונקט ווי אַן אָרימען. און ווער האָט אים נאָך אַזוי פיל גוטס געװוּנטשן ווי זיין פאָטער?

אַצינד, יעדער אָוונט, נעם איך דיביידע שיכעלעך, שטעל זיי אַוועק אויף דער שוועל, איינס לעבן צווייטן... פאַר אים טו איך דאָס. אפשר וועט ער זיי באַמערקן, ווען ער וועט דורכגיין? ער באַמערקט זיי באַשטימט, נאָר ער רירט זיי נישט אָן. ער ווייסט אוודאי, אַז איך וועל משוגע ווערן, אויב איך וועל זיי אין איין ליכטיקן פרימאָרגן מער נישט געפינען אויף זייער אָרט, שטייענדיק איינס לעבן צווייטן...

איר האַלט מיך פאַר אַ משוגענעם? אַך, ניין! עס דאַכט זיך מיר, אַז איך לייען דאָס אין אייערע אויגן .... ניין, מיין פריינט, איך בין נאָך נישט משוגע. דאָס, וואָס איך דערצייל אייך, איז אמת אַלץ איז אמת. די טויטע קומען צוריק

ער קומט צוריק, אַ סך מאָל, עס איז שרעק-לעך! אַך, עס איז שרעקלעך!

איר זעט: גאַנצע נעכט פלעג איך ציטערן, עס האָט מיר געקלאַפּט אַ צאָן אין אַ צאָן; עס האָט זיך,

מיר געדאכט, אַז מיינע ביינער צעשיטן זיך פֿאַר שרעק, טאַנצן אַרויס פֿון די גליד־שלעסער. איך האָב געפֿילט אויף מיין קאָפּ נישט קיין האָר, נאָר נאָדלען, און אַזוי האָט געדויערט ביזן פרימאָרגן צי זיינען מיינע האָר נישט גראָ? זאָגט: מיינע האָר זיינען נישט גראָ געוואָרן?

איך דאַנק אייך, מיין פריינט. איר זעט: איך ציטער שוין נישט מער. איך בין קראַנק, איך בין זייער קראַנק. וויפל יאָר מיינט איר בין איך אַלט? פון וויפל יאָר קענט איר מיך שאַצן לויטן אויסזען? איר ווייסט דאָס: איך מוז שטאַרבן; און וואָס גיכער איז בעסער.

און אויב אַזוי, בין איך שוין רויק. אינגאַנצן רויק. איך וועל אייך אַלץ דערציילן פון אָנהייב אָן, אַזוי ווי איר ווילט כסדר. איך בין נאָך ביים קלאָרן זינען איך פאַרזיכער אייך.

דאָס איז געשען מיט צוועלף אָדער דרייצען יאָר צוריק. דאָס איז געשען אין אַ הויז פון די בייעקוואַרטאַלן אין שטאָט, אין אַ מין פריוואַטן פענסיאָנאַט. מיר האָבן זיך דאָרט געפונען אַ צוואָנציק אָנגעשטעלטע, אַלטע און יונגע. אין איין־און־דער זעלבער שעה, פלעגן מיר אַלע גיין עסן בײַ איין טיש. מיר האָבן זיך פיל־ווייניק געקענט אייגער דעם צווייטן.

כאָטש מיר האָבן נישט אַלע געאַרבעט אין איין ביהראָ. און מיט דרייצען י״ר צוריק האָב איך זיך דאָרט באַקאַנט מיט וואַנצערן, דזשוליאָ וואַנצער.

איר.. צי האָט איר געזען. . דעם טויטן? — צי האָט איר נישט געפונען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס אין זיין פּנים, אין זיינע אויגן? אָך, ניין... זיינע אויגן זיינען געווען צוגעמאַכט... אָבער נישט ביידע, נישט ביידע. איך ווייס דאָס באַשטימט. איך מוז אָבער שטאַרבן, כאָטש שוין צוליב דעם, עס זאָל פאַרשווונדן דער איינדרוק פון מיינע פינגער, וועלכע האָבן זיך צוגערירט צו זיינע ברעמען, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט צומאַכן... איך פיל דאָס דאָ... איך איך פיל דאָס שטענדיק, פונקט ווי עס וואָלט מיר צוגעטשעפּעט געוואָרן אַ שטיקל פון יענער הויט. קוקט, קוקט זיך צו. איז דאָס נישט אַ האַנט, וועלכע הייבט שוין אָן אָפּצושטאַרבן! באַטראַכט נאָר.

יאָ, עס איז אמת. מען דאַרף גאָרנישט טראַכטן. זייט מיר מוחל. אַצינד וועל איך אייך דערציילן ביזן סוף. ווו האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט?.. איך האָב אַזוי

גוט אָנגעהויבן צו דערציילן, און דערנאָך בין איך אַראָפּ פון וועג! דאָס איז געוויס דער רעזולטאַט פון דעם, וואָס איך האָב געפאַסט. עס איז געוויס אַזוי, עס קען אַנדערש נישט זיין. שוין צוויי טעג, ווי איך האָב אין מיין מויל נישט געהאַט.

צום ערשט דערמאַן איך מיך אָן דער צייט, ווען איך בין אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליידיקן מאָגן; איך האָב מיך דאַמאָלס געפונען אין אַן אויסערגעוויינטלעכן צושטאַנד. עס איז אויך מיר אָנגעפאַלן אַ מין משוגעת. עס האָט זיך מיר פשוט געדאַכט, אַז איך זע מאָדנע זאַכן...

אַך, אָט איז עס. איר זענט גערעכט איך האָב אייך דערציילט, אַז איך האָב מיך דאָרט באַקאַנט מיט איינעם אַ וואַנצער.

און דאָרט איז דער דאָזיקער וואַנצער געווען דער גאַנצער בעל-הבית, געהאַט די אויבערהאַנט איבער אַלע און אינגאַנצן נישט געקענט פאַרטראָגן קיין ווידער-שפּרוכן. ער פלעגט שטענדיק שרייען אויף אַלע און צייטנווייז זיך אַפילו פאַרמעסטן מיט די הענט אויך עס פלעגט נישט אַריבער קיין וואָך, ער זאָל זיך נישט האָבן מיט עמיצן דורכגעווערטלט. מען האָט אים דאָרט זייער געהאַסט, און גלייכצייטיק זיך געשראָקן

פאַר .אים, ווי פאַר אַ טיראַן. בשעת זיין אָפּוועזנהייט פלעגן אַלע אויף אים אויסרעדן וואָס איינער האָט נאָר געקענט. מען פלעגט אים פאַרשעלטן די יאָרן, אָבער עס איז געבויג געווען, ער זאָל זיך באַווייזן, און אַלע זיינען גלייך אַנטשוויגן געוואָרן. די מער שרעקעדיקע פלעגן שמייכלען צו אים, זיך צוחנפענען, אַבי צו געווינען חן בא אים און פאַרוואָס האָבן זיך אַלע פאַר אים אַזוי געשראָקן?

ביזן היינטיקן טאָג קען איך דאָס נישט פאַרשטיין. באַם טיש פלעגט מיר אויסקומען צו זיצן פונקט קעגנ-איבער אים. נישט ווילנדיק פלעג איך שטענדיק האַלטן די אויגן אַראָפּגעלאָזט. איך קען אייך נאָך ביז היינט נישט איבערגעבן מיינע געפילן צו אים. איך האָב אים נישט געקענט ליידן, און גלייכצייטיק האָט עס מיך געצויגן צו אים. דער מענטש האָט געהאַט אַ מין כישוף, מיט וועלכן ער האָט מיך דאַמאָלס באַצויבערט.

איינמאָל, אין אַ נאָכמיטאָג, איז פאָרגעקומען אַ גע-שפּרעך צווישן וואַנצערן און איינעם אינגלעטי, וועלכער איז גראָד געשטאַנען לעבן מיר. וואַנצער האָט זיך איינגעקשנט און אויפגעהויבן זיין שטימע. אינגלעטי האָט אים אָבער נישט געוואָלט נאָכגעבן. איך בין גע-שטאַנען, ווי אַן איינגעגראָבענער, און מיינע אויגן, ווי-

צוגעבונדן צום טעלער, וועלכער איז אויפן טיש גע-
שטאַנען, איך בין נישט דרייסט געווען זיי אויפצו-
הייבן. פלוצלינק האָט וואַנצער אַ כאַפּ-געטון אַ גלאָז
און עס מיט כוס אַ וואָרף געטון אין זיין קעגנער
אַריין. אים האָט ער נישט געטראָפן, און דאָס גלאָז
איז גראָד אויף מיין שטערן צעשמעטערט געוואָרן;
איר קענט נאָך אַצינד באַמערקן דעם צייכן, אויב איר
גלייבט מיר נישט.

ווען איך האָב דערפילט, אַז מיין בלוט גיסט זיך
מיר איבערן פּנים, האָב איך גלייך פאַרלוירן דאָס באַ-
ווּסטזיין. ווען איך האָב מיך אויפגעכאַפּט, בין איך
שוין געווען אַרומגעבאַנדאַזשירט. וואַנצער איז גע-
שטאַנען לעבן מיר, געשטאַנען, און מיט אַ כלומרשט
פאַרטרויערטן פּנים זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר. דער-
נאָך האָט ער מיך באַגלייט מיט אַ דאָקטאָר צו מיר
אין שטוב אַריין, געהאָלפן מיך אַ צווייט מאָל באַנ-
דאַזשירן און דערנאָך געוואָלט פאַרבלייבן בּאַ מיר
ביז שפּעט אין דער נאַכט. אינדערפרי איז ער ווידער
געקומען. ער פלעגט זייער אָפט קומען. און פון דאַ-
מאָלס אָן האָט זיך אָנגעהויבן מיין שקלאַפעריי.

מיינע געפילן צו אים זיינען געווען נישט קיין אַנ-
דערע, ווי געפילן פון אַן אָנגעשראָקענעם הונט. ווען

ער פלעגט אַריינקומען צו מיר אין צימער, פלעגט ער זיך פילן דער בעל-הבית. ער פלעגט אויפעפענען מיינע שופלאָדן זיך קעמען מיט מיינע קאַמען, ריי:ערן מיין לולקע, איבערוואַרפן און ליינען מיינע בריוו, און אויב עפעס אַ זאַך פלעגט אים געפעלן, פלעגט ער זי צו-נעמען און אָן אַ שום שאלה אַוועקגיין מיט איר. פון טאָג-צו-טאָג איז זיין העזה קעגן מיר געוואָרן אַלץ גרעסער און גרעסער, און מיין מוט קעגן אים, אַלץ נידערגעשלאָגענער און נידערגעשלאָגענער. איך האָב פאַרלוירן מיין אייגענעם ווילן, און אַזוי אַרום בין איך אינגאַנצן אַרונטערגעפאַלן אונטער זיין מאַכט. ער האָט באַ מיר צוגערויבט אַלע מיינע מענטשלעכע געפילן, און געמאַכט האָט ער דאָס מיט דער זעלבער שנעל-קייט, ווי ער האָט באַ מיר אַ האָר פון קאָפּ אַרויסגע-ריסן.

אפשר מיינט איר, אַז איך בין נישט געווען באַ מיין פולן זינען, ניין. איך האָב גאַנץ גוט געוווסט, וואָס איך האָב געטון איך האָב מיר אָפּגעגעבן אַ ריכטיקן באַגריף פון אַלעם: פון מיין שוואַכקייט און פון מיין דערנידערונג, פון מיין אַבסאָלוטער אוממעגלעכקייט — זיך אַרויסצורייסן פון זיין אויבערמאַכט.

איך בין גאָרנישט אומשטאַנד אייך אַרומצושרייבן,

למשל, די דאָזיקע געפילן, וועלכע עס האָט מיר פאַרשאַפט מיין וווּנד עס איז מיר פשוט אוממעגלעך אייך איבערצוגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט, ווען מיין תלין איז איינמאָל אין אַ העלן מיטוואָך צוגעגאַנגען צו מיר, אַריינגענומען מיין קאָפּ צווישן זיינע הענט, באַטראַכטנדיק די וווּנד, וועלכע איז נאָך געווען פריש און פייכט. דערנאָך האָט ער אַ פּאָר מאָל דורכגעפירט זיין האַנט איבער דעם דאָזיקן אָרט און אַ זאָג געטון:

— שוין אינגאַנצן פאַרהיילט. אין א חודש אַרום וועט שוין קיין סימן דערפון נישט זיין. דו דאַרפסט גומל בענטשן.

עס האָט זיך מיר דאַמאָלס געדאַכט, אַז איך האָב אויף מיין קאָפּ נישט קיין וווּנד, נאָר אַ שאַנד-שטעמפּל, אַ שטעמפּל פון אַ שקלאַף, וועלכן איך האָב געפילט מיט מיין גאַנצן גוף.

איך פלעג אים נאָכגיין, ווו ער האָט נאָר אַליין געוואָלט; איך פלעג אים שעהן לאַנג אָפּוואַרטן אינדרויסן, שטייענדיק בײַ אַ טיר, איך פלעג גאַנצע נעכט אויפזיין, כדי צו קאָפּירן די בריוו, וועלכע ער האָט מיטגעבראַכט פון זיין ביוראָ, איך פלעג צעטראָגן זיינע בריוו פון איין עק רוים ביזן צווייטן; הונדערטער מאָל פלעג איך אַראָפּגיין און אַרויפגיין אויף די טרעפּ פון

מאָנטע פּיעטאָ; נישט איינמאָל פלעגט מיר אויס־קומען אַרומצולויפן פון איין פּראָצענטניק צום צווייטן, צו באַקומען געלט, מיט וועלכן ער האָט זיך געדאַרפט ראַטעווען. ער פלעגט מיך אַ סך מאָל פאַרפירן אין שפּיל־הייזער, און דאָרט פלעג איך, אַ פאַרחלושטער און אויסגעמאַטערטער, אָפּשטיין לעבן זיין שטול ביזן העלן טאָג אַריין. פאַרשיידענע קללות פלעגן זיך שיטן פון זיין מויל. איך פלעג פּשוט דערשטיקט ווערן פון רויך, וועלכער איז געדיכט אין דעם צימער געשטאַנען. מיין הוסט פלעגט אים אַרויסברענגען פון געדולד און ער פלעגט מיר מאַכן פאָרווורפן, אַז איך בין שולדיק אין דעם, וואָס ער האָט נישט קיין גליק אין די קאָרטן ווען ער פלעגט שוין זייער אַ סך פאַר־שפּילן, פלעגט ער אַרויסלויפן אין די לערע גאַסן און אין דער פינסטערניש מיך נאָכשלעפן נאָך זיך, ווי אַ שמאַטע. ער פלעגט גיין און איך נאָך אים. ער פלעגט מאַכן מיט די הענט שעלטן, ביז דער שאָטן פון אַ שענק פלעגט אים נישט צוציען צו זיך.

אָך מיין פריינט! צי געפינט זיך נישט אַזאַ מענטש, וועלכער וואָלט מיר געקענט אַנטפּלעקן דעם דאָזיקן סוד, איידער איך וועל שטאַרבן? צי געפינען זיך נישט אויף דער ערד נאָך אַזעלכע מענטשן, וועלכע, באַגעגנדיק

זיך מיט אַנדערע מענטשן, זאָלן זיי אומשטאַנד זיין זיי גלייך צו פאַרשקלאַפן ? צי קען מען צונעמען בא איינעם זיין ווילן אַזוי לייכט, ווי מען הייבט אויף אַ שטיקל שטרוי ? צי איז דאָס מעגלעך, מיין פריינט ? און פאַרוואָס ?

אין דער געגנוואַרט פון מיין „תלין" האָט מיין אייגענער ווילן אינגאַנצן נישט עקזיסטירט. און איך האָב דאָך געהאַט פאַרשטאַנד; און מיין מוח האָט גע-ברויזט, איבערפולט פון געדאַנקען ; איך האָב געליינט אַ סך ביכער, איך האָב געוווּסט אַ סך זאַכן און פאַר-שטאַנען אַ סך זאַכן. נאָר איין זאַך, איין איינציקע זאַך האָב איך פאַרשטאַנען מער פאַר אַלעם: אז איך בין אַ פאַרפאַלענער מענטש. טיף אין מיר, אין מיין האַרץ איז פאַרבאָרגן געווען אַ מין שרעק, אַ ציטער; פון יענעם אָוונט אָן, וואָס ער האָט מיך פאַרוווּנדעט, איז פאַר-בליבן אין מיר די שרעק פאר בלוט. די ציימונגס-כראָ-ניק פלעגט מיך נישט לאָזן רוען, פלעגט מיר צורייבן מיין שלאָף. טיילמאָל באַנאַכט, ווען איך פלעג דורכגיין מיט וואַנצערן אַ פינסטערן קאָרידאָר, אָדער אַרויפגיין אויף פינסטערע שטיגן, ווו דאָס ליכט האָט קוים גע-לויכטן, פלעגט מיר אַ ציטער דורך מיינע ביינער דורכ-גיין, די האָר פלעגן זיך מיר קאַפּויר שטעלן. מיינע

געדאַנקען זיינען אויף אַזוי ווייט געוואָרן אָנגעשטרענגט, אַז עס פלעגט זיך מיר אַ סך מאָל באַ נאַכט דאַכטן, אַז עמיצער שטיקט מיך.

ניין, עס איז נישט געווען אַזוי... עס איז געווען דאָס, וואָס עס האָט נישט געקענט זיין. איך האָב מיר אַזוי געקלערט: עס איז מיר געוויס באַשערט, אַז איך זאָל אין איין נאַכט שטאַרבן אויף אַן אַכזריותדיקן אופן פון די דאָזיקע הענט. דאָס איז גאַנץ באַשטימט. עס קען גאָר אַנדערש נישט זיין...

אָבער זייט אויפמערקזאַם צו מיינע רייד. ווען וואַנצער וואָלט מיך יענע נאַכט נישט געווען געקומען זוכן אין טשיראָס צימער; ווען איך וואָלט דאַמאָלס נישט געווען געזען ליגן דאָס מעסער אויפן טיש. ווען עס וואָלט מיר דאַמאָלס נישט געווען עפּעס פּלוצלינג אין הארץ אַריינגעקומען, דאָס, וואָס עס האָט מיר דעם אימפּעט געגעבן, דאַן...

יאָ דאָס איז אמת. איר זענט גערעכט. איך האָלט נאָך ערשט באַם אָנהייב, און איך וועל אייך דערציילן ביזן סוף! איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין, כּל־זמן איך וועל אייך נישט דערציילן אינגאַנצן ביזן סוף. דאָך בין איך שוין מיד, עס מישט זיך מיר שוין אין קאָפּ. איך האָב אייך שוין גאָרנישט וואָס צו זאָגן, מיין פריינט. אין

מיין קאָפּ איז שוין גאָרנישט דאָ; ער איז פּ סט, פּוסט,
ער איז אָנגעפּולט מיט לופט, פּונקט ווי אַ באַלאָן.
איך קען אייך שוין גאָרנישט דערציילן, שוין, שוין...

אָך, עס איז שוין אריבער. גענוג. איך דאַנק אייך.
איר זענט דאָך זייער אַ גוטער; האָט מיטלייד מיט מיר.
קיינער האָט מיט מיר קיינמאָל קיין מיטלייד נישט
געהאַט, קיינער.

איך פּיל מיך שוין בעסער; איך קען שוין פאָרט-
זעצן. איך וועל אייך דערציילן פון איר, פון דזשינעווראַ.

נאָך דעם צופאַל מיטן גלאָז האָ ן עטלעכע חברים
פאַרלאָזט דעם פּענסיאָן, אַנדערע האָבן זיך אויסגע-
דריקט, אז זיי וואָלטן דאָ ווייטער געבליבן, ווען וואַנ-
צער זאָל אויסגעשלאָסן ווערן. די בעל-הביתטע פון
פּענסיאָן האָט וואַנצערן גלייך אָפּגעזאָגט. און נאָך
דעם, ווי ער האָט זיך, ווי געוויינטלעך, מיט אַלע צע-
ווערטלט, האָט ער דעם פּענסיאָן פאַרלאָזט. מיין וווּנד
איז שוין דאַמאָלס געווען פאַרהיילט און איך בין
שוין אומשטאַנד געווען אַרויסצוגיין. ער האָט מיך גע-
וואָלט מיט זיך מיטנעמען, זייענדיק זיכער, אַז איך
וועל אים פאָלגן.

אַ לאַנגע צייט האָב איך, קעגן מיין ווילן, אַרומגע-באַנדעלט מיט אים פון איין רעסטאָראַן אין צווייטן. כאָטש פאַר אַנדערע שוין מידע פון לעבן וואָלטן אפשר אַזעלכע שעהן געווען שעהן פיין באַרויקיג און פאַר-געסנהייט, פאַר מיר אָבער איז דאָס געווען אַן אמת מאַטערניש. דאָס עסן איז מיר פון מויל געקראָכן, איך האָב געפילט אַ שרעקלעכן עקל, זיך צוהערנדיק, ווי וואַנצער האָט מיט די ליפּן געשמאָטשקעט. ער האָט געהאַט שרעקלעכע ליפּן, ווי אַ גרויסער הינט, וועל-כער שטייט אויף אַ קייט און איז בכח די גאַנצע קייט איינצושלינגען, און ביסלעכווייז האָט זיך אין מיר דער דורשט אָנגעצונדן, דאָס איז אַזאַ דורשט, וואָס אויב ער ווערט נאָר איינמאָל אָנגעצונדן, דויערט ער שוין אַזוי ביזן טויט אַריין.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט מיך וואַנצער פריי געלאָזט. און צומאָרגנס האָט ער מיר געמאָלדן, אַז ער האָט געפונען זייער אַן אָנגענעם אָרט, וווהין ער וויל מיך גלייך אַוועקפירן.

— איך האָב געפונען. דו וועסט דיך איבערצייגן. דו וועסט צופרידן זיין.

און אין אמתן, דער נייער פּענסיאָן איז געווען אַ סך בעסער פאַרן אַלטן די באַדינגונגען זיינען אויך געווען

פיל בעסערע. דאָ האָבן זיך אויך געפונען עטלעכע אַלטע חברים מיינע פון ביוראָ. טייל פון זיי האָב איך נאָך גוט געדענקט. איך בין געבליבן. איר ווייסט: איך האָב אַנדערש נישט געקענט, ווי בלייבן דאָרט

אין ערשטן אָוונט, ווען מען האָט דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש, האָבן צוויי אָדער דריי מיט דערהויבענע שטימען אַ פרעג געטון:

— און דשינעווראַ? וווּ איז דשינעווראַ?

מען האָט געענטפערט, אַז דזשינעווראַ איז קראַנק. האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן נאָכצופרעגן וועגן איר, און אַלע האָבן אויסגעדריקט זייער באַדוירונג. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ קרענק פון זייער אַ לייכטער פאָרם. אין פאַרלויף פון געשפרעך האָט זיך דער נאָמען פון דער אָפּוועזנדער נישט איינמאָל איבערגעטראָגן פון איין מויל צום צווייטן. דער דאָזיקער נאָמען איז אַרויסגערעדט געוואָרן מיט אַ האַלב מויל, אַזוי, אַז ער איז געוואָרן צווייידייטיק, און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אַרויסגערופן תאווהדיקע ווונטשן בא די אַלע מענטשן: יונג און אַלט. איך האָב מיך אין פלוג באמיט אויפצוכאַפּן פאַרשיידענע ווערטער. איין לעבּ־יונגל, וועלכער איז געזעסן קעגן מיר, האָט אָנגעהויבן באַשרייבן דזשינעוורַאס מויל; ער האָט גערעדט און זיך גערויטלט, געקוקט

אויף מיר, ווייל איך האָב מיך צוגעהערט מיט אַן אומ־געוויינטלעכער אויפמערקזאַמקייט. איך דערמאַן מיך, אַז איך האָב מיר דאַמאָלס פאָרגעשטעלט אין די געדאַנקען די פיגור פון דער אָפּוועזנדער. ווען איך האָב זי שפּעטער דערזען, האָב איך מיך איבערציינגט, אַז איך האָב זי מיר כמעט ריכטיק פאָרגעשטעלט. איך דערמאַן מיך נאָך אַצינד אָן וואַנצערס אויסדריקלעכער באַוועגונג, וואָס ער האָט געמאכט, אָן זיין האַלזונג, וועלכע איז אָנגעזאַפּט געווען מיט תאווה, אָן די פּאָרנאָגראַפישע פראַזן, וועלכע זיינע ליפּן האָבן אַרויסגעלאָזט. און איך דערמאַן מיך, אַז, אַרויסגייענדיק פון דאָרט, האָט זיך שוין געהאַט דערוועקט אין מיר די ליידנשאַפט צו דער דאָזיקער פרוי, וועלכער איך האָב נאָך אינגאַנצן נישט געהאַט געזען מיט מיינע אויגן. איך האָב דערפילט אַ לייכטע אומרויִקייט, אַ מין פּראָפעטישע דערהויבענע שטימונג.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען: איך, וואַנצער און אַ געוויסער דאָבערטי, דער זעלבער, וועלכער האָט גערעדט וועגן דשינעווראַס מויל. אויפן וועג האָבן זיי ביידע אַלץ ווייטער גערעדט וועגן פרעכער תאווה, און פלעגן זיך אַלע מינוט אָפּשטעלן, צו קענען לאַכן און לאַכן. איך בין געבליבן אַ ביסל אונטערשטעליק. 8

שרעקלעכע מעלאַנכאָליע, אַן איבערפלוס פון פינסטערע און טונקעלע געפילען האָבן געדרוקט מיין דערשלאָגן און אָנגעווייטיקט האַרץ.

און אַצינד, אין צוועלף יאָר אַרום, דערמאָן איך מיך אָן יענעם אָוונט. איך האָב קיין זאַך נישט פאַרגעסן, אַפילו די קלענסטע נאַרישקייט שטייט מיר לעבעדיק אין זכרון. אַצינד ווייס איך, וואָס איך האָב דאַמאָלס געפילט, אַז אין יענעם אָוונט איז באַשטימט געוואָרן מיין גורל, און ווער האָט דאָס געקענט פאָרויסזאָגן.

צי איז דאָס מעגלעך? צי איז דאָס מעגלעך? אַן איינפאַכער נאָמען פון אַ פרוי; דריי קלינגענדיקע סילאַבן עפענען אייך אויף אַן אומפאַרמיידלעכן אָפּגרונד, וועמען איר זעט גוט און ווייסט אַז ער איז אומפאַרמיידלעך. צי איז דאָס מעגלעך?

אַ פאָרגעפיל אַ בת-קול... ווערטער! ווערטער! איך האָב געליינט אין ביכער. ניין, נישט אַזוי, נישט אַזוי. צי האָט איר אַמאָל אַריינגעקוקט, דאָרט? צי האָט איר אַ מאָל אויפגעוועקט אייער נשמה?

און אַז עס טוט אייך וויי, דאַכט זיך אייך נישט, אַז די ווייטאָק איז אַ נייע, אַז איר האָט נאָך אַזאַ ווייטאָק קיינמאָל נישט געפילט? אָט פריידט איר אייך.

דאַכט זיך אייך נישט, אַז אייער פרייד איז אַ נייע, אַז איר האָט נאָך אַזאַ פרייד קיינמאָל נישט איבערגעלעבט? — אַ טעות! אַן אילוזיע! אַלץ איז שוין פאַרזוכט געוואָרן, אַלץ איז שוין געשען. אייער נשמה איז צונויפגעזעצט פון טויזנטער, פון צענדליקער טויזנטער פּיצעלעך נשמות, וואָס האָבן שוין אַמאָל דורכגעלעבט אַ גאַנץ לעבן, וואָס האָבן באַשאַ ן אַלע פענאָמענס, וואָס האָבן צוגעהאָלפן אַלע פענאָמענס. איר ווייסט צו וואָס איך וויל אייך דערפירן? זייט אויפמערקזאם! דאָס, וואָס איך זאָג אייך, איז אַ בולטער אמת; אַן אמת, וואָס איז אַנטדעקט געוואָרן דורך איינעם, וועלכער האָט יאָרן־לאַנג אין דעם גוט אַריינגעשטודירט. הערט זיך גוט צו, דאָס איז אַן אמת, וועלכער איז וויכטיקער פון די זאַכן, וואָס איר ווילט וויסן. ווען...

אַ צווייט מאָל? מאָרגן? פאַרוואָס מאָרגן? איר ווילט אפשר נישט איך זאָל אייך אַרויסזאָגן מיינע געדאַנקען?

אַך, די פאַקטן, די פאַקטן, תמיד די פאַקטן! די פאַקטן זיינען גאָרנישט, זיי זיינען גאָרנישט ווערט. עס זיינען דאָ אַזעלכע זאַכן אויף דער וועלט, מיין פריינט, וואָס האָבן אַ גרעסערן ווערט.

זייער גוט. נאָך אַ פראַגע: פאַרוואָס האָט זיך אויס־געלאָזט אַזוי, אַז דזשינעווראַ איז טאקע ענלעך געווען צו דער פיגור, וועלכע מיין הארץ האָט מיר פאָרגע־זאָגט? לאָמיר עס לאָזן אָן אַ זייט. נאָך אַ דריי, פיר טעג בישט זיין, איז זי אַריינגעקומען אין זאַל. טראָ־גנדיק אַ זופּ־וואַזע. פון דער וואַזע איז אויפגעגאַנגען אַ פּאַרע, וועלכער האָט פאַרשלייערט איר פּנים.

יאָ, מיין פריינט: זי איז געווען אַ דינסט־מיידל, וואָס האָט אונדז באַדינט.

צי האָט איר זי געזען? צי האָט איר זי געקענט? צי האָט איר מיט איר גערעדט? צי האָט זי מיט אייך גערעדט? אויך איר וואָלט איבערגעלעבט די זעלביקע אינערלעכע, אומפאַרשטענדלעכע אומרויִקייט, אויב זי וואָלט אייך אָנגערירט מיט אַ האַנט.

אַלע מענטשן האָבן זי פאַרלאַנגט, אַלע וואָלטן זיך געוואונטשן זי צו האָבן. און זיי וועלן נישט אויפהערן זי צו פאַרלאַנגען. וואַנצער איז געשטאָרבן; אָבער וואָס גייט דאָס זי אָן, זי וועט האָבן אַן אַנדערן גע־ליבטן, הונדערט געליבטע. זי וועט אַזוי לאַנג כסדר

אַנדערע האָבן, ביז זי וועט נישט אַלט ווערן, ביז די צײַן וועלן איר פון מויל נישט אַרויספאַלן. ווען זי פלעגט די גאַס דורכגיין, פלעגט זיך דער פירעט פון זיין קאָטש אַרויסבייגן זי אָנצוקוק, פלעגט זיך דער בעטלער אָפּשטעלן זי צו באַטראַכטן. אין אַלעמענס אויגן האָב איך די זעלבע פונקען באַמערקט, האָב איך די זעלבע געדאַנקען געלעזן.

און זי האָט זיך געענדערט, אַ סך געענדערט. דאַמאָלס איז זי 20 יאָר אַלט געווען. אומזיסט באַמי איך מיך שטענדיק אויפצוּוועקן זי אין מײַנע זכרונות אַזעלכע, ווי איך האָב זי דאָס ערשטע מאָל דערזען. דאָ שטעקט דער גאַנצער סוד. צי האָט איר דאָס קיינמאָל נישט באַמערקט? אַ מענטש, אַ חיה, אַ געוויקס, אָדער אַזוי אַן אַנדערע זאַך, גיט אייך איר ריכטיק אויסזען איבער, נאָר אין יענעם ערשטן מאָמענט, ווען איר דערזעט זי. דאָס איז אַזוי, ווי די זאַך וואָלט אייך דאַמאָלס אַוועקגעגעבן איר אומשולדיקייט. אין אַ מינוט אַרום איז זי שוין נישט די זעלבע, איז זי שוין גאָר אַן אַנדערע זאַך. ווײַל אייער גייסט, אייערע נערוון טראַנספאָרמירן זי איבער, פאַרפאַלשן און פאַרטונקלען זי, געוויג, זייט געזונט.

זייער גוט, איך האָב תמיד מקנא געווען דעם מענטש

וועלכער האָט דאָס דאָזיקע באַשעפעניש צום ערשטן מאָל געזען. איר הערט זיך צו, צי ניין? עס דאַכט זיך מיר, אַז איר הערט מיך נישט. איר מיינט געוויס, אַז איך בין פון זינען אַראָפּ, אַז איך בין צעמישט, און אַז איך ווידערשפּרעך מיך, עס איז אומנוצלעך. לאָמיר עס לאָזן אָן אַ זייט; און לאָמיר זיך בעסער אומקערן צו די פאַקטן..

. . א צימער, אַ באַלויכטנס מיט גאַז, גוט באַוואַרעמט מיט אַ טרוקענער וואַרעמקייט, וואָס טרוקנט דורך די הויט; אַ ריח און אַ פּאַרע פון די געקעכצן; אַ טומל פון אומדיימלעכע שטימען; צווישן אַלע שטימען די הילכיקע שטימע פון וואַנצערן. דערנאָך ווערט אַ קליינע פּויזע, און אַ טויטע שטילקייט באַהערשט דאָס צימער. אַ האַנט האָט מיך לייכט אָנגערירט, צוגענומען אַ טעלער פון לעבן מיר און אוועקגעשטעלט אַ צווייטן, וואָס עס האָט אַרויסגערופן אַ לייכטן ציטער אין מיר. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז זי נעמט מיך אַרום. אַלע, וואָס זיינען אַרום דעם טיש געזעסן האָבן דאָס זעלבע איבערגעלעבט: מען האָט דאָס באַשיינפּעלעך געזען. די היץ איז שטיקנד געוואָרן, די אויערן האָבן זיך אָנגעצונדן און די אויגן האָבן גלאַנצן אָנגעהויבן. אַ פרעכער און בעסטיאַלישער אויסדרוק האָט זיך באַוויזן אויף

די פּנימער פון די מענטשן, וועלכע האָבן דאָ צוזאַ-מען געגעסן, געטרונקען און דערגרייכט דעם איינציקן ציל פון זייער אַלטעגלעכן לעבן. דער איבערפלוס פון זייער אומריינקייט האָט מיך אַזוי שטאַרק פאַרווונדעט, אַז איך האָב געמיינט, אַז איך וועל נישט אויסהאַלטן. איך האָב מיך אָנגעלענט אויפן ווענטל פון שטול, צו-ריקגעצויגן מיינע עלנבויגנס, צו דערווייטערן אַזוי אַרום דעם שטח צווישן מיר און מיינע שכנים. איין שטי-מע האָט זיך אָנגערופן:

— עפּיסקאָפּאָ האָט בויך-ווייטאָק.

אַ צווייטע שטימע האָט געשריגן:

— ניין; עפּיסקאָפּאָ איז פאַרליבט. איר האָט נישט געזען וואָסער פּנים ער האָט געמאַכט, ווען דזשינעווראַ האָט אים דאָס עסן דערלאַנגט?

איך האָב מיך געמאַכט, אַז איך לאַך. איך האָב אויפגעהויבן מיינע אויגן און מיך באַגעגנט מיט דזשי-נעווראַס אויגן, וועלכע זיינען אָנגעשטעלט געווען אויף מיינע מיט אַ צווייידייטיקן אויסדרוק.

זי איז אַרויס פון צימער. דאַמאָלס האָט פיליפּאָפּאָ דאָבערטי געמאַכט אַ קאָ:ישן פאָרשלאַג.

— מיינע טייערע, דאָ איז דאָ איין אויסוועג. איי-

נער פון אונדז אַלע האָט חתונה מיט איר.. אויפן חשבון פון די אַנדערע.

ער האָט דאָס נישט פּינקטלעך אַזוי אַרויסגעזאָגט. ער האָט דאָס אויסגעדרוקט מיט ברוטאַלע ווערטער; ער האָט דערביי אָנגעוויזן אויף דעם פאַרהאַלטן זיך קעגן איר פון די אַנדערע.

— לאָמיר גורל וואַרפן! לאָמיר גורל וואַרפן! מען דאַרף אויסקלויבן אַ מאַן.

וואַנצער האָט אויסגערופן:

— עפּיסקאָפּאָ!

— פירמע עפּיסקאָפּאָ עט קאָמפּאַניע.

די גוואַלטן האָבן זיך פאַרגרעסערט.

דזשינעוורא, וועלכע האָט דאָס אַלץ דערהערט, איז אַריינגעקומען. זי האָט אַ שמייכל געטון מיט אַ רויִקן און זיכערן שמייכל, וועלכער האָט אויסגעזען, ווי זי וואָלט אים גאָרנישט געפעלט.

וואַנצער האָט אויסגעשריגן:

— עפּיסקאָפּאָ, גיי בעט זי.

צוויי אַנדערע זיינען צוגעגאַנגען מיט אַ געצוווּנגענער ערנסטקייט צו דזשינעוורא און געבעטן בײַ איר, אין מיין נאָמען, איר האַנט.

זי האָט געענטפערט מיט איר גֿעוויינטלעכן שמייכל:
— איך וועל אַ טראַכט טון.

איך האָב מיך ווידער מיט איר בליק באַגעגנט. און איך ווייס נישט פּינקטלעך, צי עס האַנדלט זיך וועגן מ י ר, צי מען רעדט וועגן מ י ר, צי איך בין דאָס ד ע ר עפּיסקאָפּאָ, פון וועלכן מען לאַכט. איך בין גאָרנישט בכח מיר פאָרצושטעלן דעם אויסדרוק פון מיין פנים...

דאָס איז אַ חלום, אַ חלום. דער דאָזיקער גאַנצער פּעריאָד פון מיין לעבן איז נאָר אַ חלום. איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין, איר קענט אייך גאָרנישט פאָרשטעלן די געפילן, וואָס איך האָב איבערגעטראָגן, און די געוויסנס-שמערצן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט. אין חלום האָב איך נאָך אַמאָל איבערגעלעבט אַ טייל פון מיין שוין אָפּגעלעבטן לעבן; איך בין געווען ווי אויף אַ רעפּעטיציע פון אַ גאַנצער סעריע מיינע געשעענישן ווען? ווער ווייסט דאָס? איר קענט נאָך צוגעבן, אַז איך בין נישט געווען זיכער מיט מיין אייגענעם „איך". טיילמאָל האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב

פאַרלוירן מיין אייגענע פּערזאָן; אַן אַנדערט מאָל האָט זיך מיר אויסגעוויזן, אַז מיין „איך" איז אַ קינסטלעכער, אַך, ווי סודותפול עס זיינען די נערוון פון מענטש!

איך וועל פאַרקירצן. איינמאָל אין אַן אָוונט האָט אונדז דשינעווראַ געמאָלדן, אַז זי האָט גענומען אור-לויב, זי פאַרלאָזט איר דינסט; זי האָט געזאָגט, אַז זי פילט זיך נישט גוט; זי פאָרט אוועק אין טיוואָלי, וווּ זי רעכנט צו פאַרבלייבן עטלעכע וואָכן ביי איר שוועסטער. באַם געזעגנען האָבן איר אַלע געדריקט די האַנט זי האָט פאַר אַלע איבערגעחזרט:

— צום ווידערזען! צום ווידערזען!

און מיטן זעלבן שמייכל אויף די ליפּן האָט זי זיך אויך צו מיר געווענדט:

— מיר זיינען פאַרקנסט הער עפּיסקאָפּאָ, איר גע-דענקט דאָך דאָס.

דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס איך האָב מיך צוגערירט צו איר; און צום ערשטן מאָל האָב איך איר דאַמאָלס אַריינגעקוקט אין די אויגן, מיט דעם מיין זי דורכצודרינגען. זי איז פאַרבליבן אַ סוד פאַר מיר.

דעם צווייטן טאָג נאָכמיטאָג זיינען אַלעמענס פּנימער

געווען פאַרחושכט. וואַנצער האָט אַ זאָג געטון:

— דאָך איז דאָבערטיס איינפאַל געווען נישט קיין שלעכטער.

האָבן זיך דאַמאָלס אַלע אויסגעדרייט צו מיר און אָנגעהויבן זייערע נאַרישע שפּיצלעך.

די דאָזיקע קאָמפּאַניע אידיאָטן איז מיר שטאַרק נמאס געוואָרן; דאָך האָב איך מיך נישט געפּרווט דערווייטערן פון זיי. איך האָב אַלץ ווייטער באַזוכט דאָס דאָזיקע הויז, ווו איך האָב, נישט קוקנדיק אויף דעם געפילדער און די שטענדיקע שפּאַסערייען, דאָך געקענט באַפרוכטן מיינע טונקעלע און זיסע פאַנטאַזיעס. וואָכן־לאַנג האָב איך, צווישן די ערגסטע ערני־דערונגען און צווישן די ערגסטע יסורים פון מיין פאַרשקלאַפטן לעבן, איבערגעלעבט אַלע אַנגסטן פון אַ איידעלער און פאַרשקלאַפטער ליבע. אויפן 28 יאָר פון מיין עלטער איז מיין נשמה פּלוצלינג ווידער יונג געוואָרן, און איך האָב איבערגעלעבט אַלע ליידנשאַפטן, אַלע צערטלעכקייטן און אַלע טרערן פון אַ יונגען בחור. . .

אָך מיין פריינט, גיט נאָר אַ טראַכט: אַזאַ נס מיט אַזאַ ווענז, ווי מיינס, וואָס איז אַלט, פאַרוועלקט און אויסגעטריקנט פון קאָפּ ביז די פיס.

נאָר איין אויסערגעווייטלעכע, אומדערוואַרטע געשעניש האָט מיך צעמישט און צעדרייט. שוין עטלעכע טעג, ווי וואַנצער איז געווען פרעכער און אויפגערייצטער ווי געוויינטלעך. די לעצטע פינף זעקס נעכט האָט ער געהאַט פאַרבראַכט אין אַ שענק. אין איינעם אַ פרימאָרגן איז ער אַריינגעקומען צו מיר אין צימער אַריין, בלייך ווי אַ טויטער, און זיך האַסטיק אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול. צוויי, אָדער דריי מאָל האָט ער זיך געמאַכט, ווי ער וויל אָנהייבן צו רעדן; מיטאַמאָל האָט ער זיך אויפגעהויבן און אָן אַ שום סיבה פאַרלאָזט דאָס צימער. אַרויסגייענדיק האָט ער אויף מיר אַפילו קיין קוק נישט געטון.

און דעם זעלבן טאָג האָבן אים מיינע אויגן שוין מער נישט באַגעגנט. איך האָב אים מיטאָגצייט נישט געזען און דעם צווייטן טאָג אויך נישט.

מיר זיינען געזעסן באַם טיש, ווען עס איז פלוצלינג אַריינגעקומען איינער קוועסטאָרי, וואַנצערס אַ חבר, און געזאָגט

— איר ווייסט דאָס נייס? וואַנצער איז אַנטלאָפן.

תחילת האָב איך אים נישט גוט פאַרשטאַנען, אָדער איך האָב נישט געגלייבט; אָבער מיין האַרץ האָט מיר שטאַרק קלאַפּן אָנגעהויבן.

עטלעכע האָבן אַ פרעג געטון:

— וואָס זאָגט איר? ווער איז אַנטלאָפן?

— וואַנצער, דזשוליאָ וואַנצער.

איך קען אייך נישט פּונקטלעך איבערגעגעבן, וואָס איך האָב דאַמאָלס איבערגעלעבט; איין זאַך ווייס איך נאָר, עס האָט מיר מער הנאה געטון, ווי עס האָט מיך געאַרט און די, וואָס זיינען געזעסן לעבן מיר, האָבן אַרויס־געוויזן אַ שרעקלעכע אויפרעגונג, אַ שנאה, א כעס קעגן דעם מענטש, וואָס איז פריער געווען מיין הערשער.

— און דו? — האָט צו מיר איינער פון די אויפ־גערעגטע אַ געשריי געטון. — און דו שווייגסט? ביסטו נישט געווען וואַנצערס קנעכט? האָסטו אים נישט גע־טראָגן זיינע וואַליזעס צו דער באַן־סטאַציע?

און אַ צווייטער האָט מיר געזאָגט:

— דו ביסט געווען דעם גנבס שמש. האָסט דיר געוואָלט מאַכן אַ קאַריערע.

און נאָך איינער:

— וואָס פאַר אַ דינסט אַ צינד ביסטו אָנגענומען? וועסט דיך, אפשר, שטעלן אין דינסט בײַ דער פּאָליציי?

אָט אַזוי האָבן זיי פון מיר חוזק געמאכט; זיי האָבן מיר געוואָלט שמערצן פאַרשאַפן, ווייל זיי האָבן מיך בעהאַלטן פאַר אַ פּחדן.

איך האָב מיך אויפגעהויבן און בין אַוועקגעגאַנגען פון דאָרט. איך בין אַרויס אויף דער גאַס און זיך געלאָזט גיין, ווו די פיס האָבן מיך נאָר געטראָגן: פריי, פריי, פריי ביזן סוף.

עס איז דאַמאָלס געווען אַ מערץ-נאַכט, אַ ליכטיקע נאַכט, כמעט אַ וואַרעמע. איך בין פאַרבייגעגאַנגען פאַר די פיר פאָנטאַנען און געשפּרייזט אין דער ריכטונג צום קווירינאַל. איך האָב געזוכט פרייע ערטער; איך האָב געוואָלט מיט איין אָטעם אַריינציִען אין זיך די גאַנצע לופט. איך האָב געוואָלט באַאָבאַכטן די שטערן, זיך צוהערן צום גערויש פון וואַסער, שאַפן עפּעס אַ פּאָעטישע זאַך אין מיינע רעיונות, אויסטראַכטן עפּעס אויף שפּעטער. איך האָב מיר כסדר געחזרט:

— פריי, פריי; איך בין אַ פרייער מענטש. — איך בין פשוט געווען פאַרשכורט. איך בין נאָך דאַמאָלס נישט געווען בכח צו קלערן, צו קאָנצענטרירן מיינע געדאַנקען, אָדער באַטראַכטן מיין צושטאַנד. איך האָב באַקומען יונגלערישע פאַרלאַנגען: איך האָב געוואָלט דערפילן טויזנטער זאַכן מיט איינמאָל, כדי פעסטצושטעלן מיין פרייהייט. פאַרבייגייענדיק פאַר אַ קאַוועהויז, האָט אַ שלאָג געטון אין מיינע אויערן אַ גאַנצע כוואַליע מוזיק; איך האָב מיך אויפגעכאַפּט פון מיינע

רעיונות. איך בין דאָרט גלייך אַריין, מיט אַן אויפגע־הויבענעם קאָפּ. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך האָב אַ שטאָלץ אויסזעהן. איך האָב מיר געהייסן דער־לאַנגען קאָניאַק, און ווען מען האָט די פלאַש אויפן טיש אַוועקגעשטעלט, האָב איך פון איר דריי, אָדער פיר גלעזלעך אויסגעטרונקען.

די לופט אין קאַווע־הויז איז געוואָרן אַ שטיקנדיקע. ווען איך האָב אָנגעהויבן אַראָפּצונעמען דעם הוט, האָב איך מיך דערמאַנט אָן שראַם אויפן שטערן, און אין זכרון באַ מיר האָט זיך אויפגעוועקט די שרעקלעכע פראַזע: — דו ביסט אַ שמש באַ אַ גנב. — עס האָט זיך מיר דאַמאָלס געדאַכט, אַז אַלע קוקן מיר אויפן שטערן און זעהן אָן אויפן צייכן; איך האָב אַ קלער געטון: — וואָס מיינען זיי? אפשר מיינען זיי, אַז דאָס איז אַ וואונד, וועלכע איך האָב באַקומען אויף אַ דועל. און כאָטש איך האָב מיך קיינמאָל אויף קיין דועל נישט געשלאָגן, בין איך דאָך פון דעם דאָזיקן געדאַנק צופרידן געבליבן. אויב איינער וואָלט דאַ־מאָלס געוועזן צוגעקומען, זיך אַוועקגעזעצט לעבן מיר און אָנגעהויבן אַ שמועס מיט מיר, וואָלט איך געוויס געפונען שטאָף אים וועגן דועל צו דערציילן. אָבער קיינער איז צו מיר נישט צוגעקומען אין אַ צייט אַרום

איז איינער צו מיר צוגעקומע גענומען די שטול, וואָס איז געשטאַנען קעגן מיר אויף דער צווייטער זייט טיש. נישט ער האָט אויף מיר קיין קוק געטון, נישט ער האָט געבעטן דערלויבניש; ער האָט אַפילו נישט קיין קוק געטון, צי איך האַלט די פיס אויף איר. ער איז געווען אַ גראָבער יונג; נישט אמת?

איך בין אַרויסגאַנגען. איך האָב מיר געלאָזט גיין איבער די גאַסן, ווי נאָר דער ווינט האָט געבלאָזן. דאָס שכּרות האָט מיך גלייך פאַרלאָזט. איך האָב מיך געפילט טיף אומגליקלעך, נישט ווייסנדיק אַפילו פאַרוואָס. פּלוצלינג האָט מיך באַהערשט אַן אומקלאָרע אומרויִקייט, וועלכע איז פון מינוט-צו-מינוט געוואָרן אַלס גרעסער און דייטלעכער. עס איז מיר אַריין אַ געדאַנק אין קאָפּ: אפשר געפינט ער זיך נאָך אַלץ אין רוים, און האָט זיך אַזאָ ערגיץ באַהאַלטן? אפשר שפּאַצירט ער אַרום איבער די גאַסן, אַן איבערגעקליידטער? אפשר וואַרט ער מיך אָפּ באַ אַ טיר ערגעץ און וויל מיט מיר רעדן? אפשר וואַרט ער מיך אָפּ אין דער פינסטער אויף די טרעפּ? אַ שוידער איז מיר אַדורך. איך האָב מיך צוויי, אָדער דריי מאָל אומגעקוקט, כּדי זיך איבערצייגן, צי קיינער גייט מיר נישט נאָך. איך בין אַריין אין אַ צווייטן קאַווע-הויז, פּונקט ווי איך וואָלט מיר געזוכט אַ רעטונגס-אָרט.

שפּעט, גאַנץ שפּעט האָב איך מיך באַשלאָסן צו לאָזן אַהיים. יעדע זאַך, יעדע גערויש אויף דער גאַס איז געווען אַ גענוג געווען איך זאָל מיך שטאַרק איבערשרעקן. אַ מענטש, וועלכער איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן טראָטואַר האָט געמאַכט אויף מיר דעם איינדרוק פון אַ טויטן קערפּער.

— אַך, פאַרוואָס האָט ער זיך דאָס לעבן נישט גענומען? — האָב איך מיר געקלערט — פאַרוואָס האָט ער דעם מוט נישט געהאַט זיך דאָס לעבן צו נעמען? און דאָך איז דאָס געווען פאַר אים די בעסטע זאַך, וואָס ער האָט גענדאַרפט טון. שפּעטער אַ ביסל, האָב איך מיך באַרויקט, ווארים איך האָב מיך דערמאַנט, אז אַ סך מאָל איז דער טויט פיל בעסער איידער דאָס אַנטלויפן.

איך בין זייער ווייניק געשלאָפן; איך בין די גאַנצע צייט געווען אומרויק. נאָר קוים האָב איך אויפגעעפנט די ברעמען, ווי אַ געפיל פון פאַרלייכטערונג האָט זיך אויף דאָס ניי פאַרשפּרייט איבער מיין גאַנץ וועזן: דאָס איז אַזאַ מין געפיל, וואָס איר קענט עס גאָרנישט פאַרשטיין, ווייל איר זענט קיינמאָל קיין שקלאַף נישט געווען.

אין ביוראָ האָב איך באַקומען די פּונקטלעכסטע ידיעות וועגן וואַנצערס פאַרשווינדן ווערן. עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן אַ גרויסע געלט-פאַרשווענדונג אין דער מלוכה-באַנק, ווו ער האָט געאַרבעט אַלס אָנגע-שטעלטער שוין עטלעכע יאָר. עס איז אַרויסגעגעבן געווען אַ באַפעל צו אַרעסטירן אים, אָבער אָן שום רעזולטאַט: מען האָט אים נישט געקענט געפינען. אַ סך זיינען געווען זיכער, אַז ער געפינט זיך שוין אויסערן געפאַר, און מען וועט אים נישט כאַפּן.

זיך פילנדיק אינגאַנצן פריי, האָב איך אָנגעהויבן צו לעבן נאָר מיט מיין סוד, מיט מיין פאַרבאָרגענער ליבע. איך האָב געפילט, אַז איך קום ווידער צו מיר, פונקט ווי נאָך אַ לאַנגער קרענק; איך האָב דערפילט אַז עס איז מיר אַראָפּ אַ משא פון קערפּער, אַז איך בין יינגער געוואָרן, און עס האָט זיך מיר געגלויסט וויינען. די לעצטע טעג פון מערץ און די ערשטע טעג פון אַפּריל האָבן מיר פאַרשאַפט אַזאַ אָנגענעמע זאָרג און פרייד; און אצינד, אַפילו שוין פאַר מיין טויט, אַז איך דערמאַן זיך אָן יענע געפילן, בין איך גליקלעך, וואָס איך בין געבוירן געוואָרן.

בלויז באַ די איינציקע ערינערונגען, בין איך מוחל דזשיראָס מאַמען, דער פרוי, וועלכע האָט מיר אַזוי

פיל ליידן פאַרשאַפט. איר קענט גאָרנישט פאַרשטיין, מיין פריינט, וואָס עס הייסט אַזוינס פאַר אַ פאַרהאַרטעוועטן און פאַרדאָרבענעם מענטש פון יסורים און אומגערעכטיקייט — צו אַנטפלעק אין זיך אַ פאַרבאָרגענע גוטסקייט; דאָס אַנטד קן אַן אָדער פון צערטלעכקייט אין מיר איר קענט דאָס גאָרנישט פאַרשטיין, און איר קענט גאָרנישט גלייבן דאָס, וואָס איך זאָג אייך. אָבער גוט; איך רעד ווייטער. אין געוויסע מאָמענטן האָב איך מיך געפילט עפּעס ווי ענלעך צו כריסטוסן. זאָל מיך נאָר גאָט נישט שטראָפן פאַר די רייד. איך בין געוואָרן דער שטילסטער און בעסטער מענטש, וואָס קען נאָר זיין.

נאָר ווייטער! לאָזט מיך אַ ביסל זיך אויסרויען. צי זעט איר דען נישט, ווי עס גיסן זיך מיר טרערן פון די אויגן? אין אַזוי פיל יאָרן פון ליידן האָב איך מיך צוגעוויינט צו וויינען שטילערהייט, אָן זיפצן, אָן יאָמער-געשרייען, כדי מען זאָל מיך נישט הערן, כדי נישט צו באַאומרויקן די פערזאָן, וועלכע איך האָב ליב געהאַט, כדי נישט נמאס צו ווערן דער פערזאָן, וואָס האָט מיר אַזוי פיל ליידן פאַרשאַפט. זייער ווייניק מענטשן אויף דער וועלט קענען אַזוי וויינען. גוט, מיין פריינט, דאָס, וואָס איך האָב אייך דערציילט.

וועט בלייבן אין אייער זכרון. ווען איך וועל שוין טויט זיין, וועט איר דערציילן, אַז דער אומגליקלע־כער דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאָ האָט זיין גאַנץ לעבן גע־ווּסט, ווי אַזוי צו וויינען אין דער שטיל.

ווי אַזוי איז דאָס געשען, וואָס אין יענעם זונטיק־דיקן פרימאָרגן האָב איך מיך פּלוצלינג געפונען אין טראַמוויי אויף טיוואָלער גאַס ? איך קען מיך וועגן דעם נישט גוט דערמאַנען. צי איז דאָס אַ משוגעת ? צי איז דאָס געווען אַ צושטאַנד פון נאַכט-וואַנדלעריי ? איך פאַרזיכער אייך, אַז איך ווייס נישט.

איך בין געגאַנגען אין דער וועלט אַריין. נאָך אַמאָל האָט דאָס געפיל פון ווירקלעכקייט מיך פאַרלאָזט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך געפין מיך אין אַ באַ־זונדערע אַטמאָספערע, וועלכע איזאָלירט מיך פון דער גאַנצער אויסערלעכער וועלט. און די דאָזיקע געפילן האָבן מיר מיין לייב, ווי מיט שפּילקעס געשטאָכן. איך קען אייך דאָס אַלץ נישט אויסדריקן מיט קיין ווער־טער. דער שטח, וועלכן איך בין אָפּגעפאָרן האָט מיר אויסגעזען אומענדלעך ווייט. . .

ביבליאטעק

צי קענט איר זיך גאָר פאָרשטעלן אַזאַ משונהדיקן גייסטיקן צושטאַנד ? וויפל איך זאָל אייך דאָס נישט אַרומשרייבן, וועט דאָס אייך דאָך אַלץ אויסזען ווי אַן אַבסורד, אומנאַטירלעך. זייער גוט, שטעלט אייך פאָר, אַז ביזן היינטיקן טאָג האָב איך כסדר געלעבט אין אַזאַ אומאָרדנונג, צווישן אַזעלכע שטערונגען און אַזאַ פאַלשקייט. פאַרעסטעזיע, דיסעסטעזיע. . . אַ סך, אַ סך צונעמען האָבן זיי מיר געגעבן פון מיינע קרענק. אויסהיילן האָט מיך קיינער נישט געקענט. אַ גאַנץ לעבן האָב איך מיך באַוווּסטזיניקערהייט געפונען אויפן ראַנד פון משוגעת, פונקט ווי אַ מענטש, וואָס שטייט איינגעבויגן באַ אַן אָפּגרונט און וואַרט פון מינוט־צו מינוט אָפּ דעם העכסטן קאָפּ־שווינדל, דעם אַראָפּ־שטורץ אין אַן אייביקער פינסטערניש.

ווי קלערט איר ? איידער איך וועל צומאַכן מיינע אויגן, וועל איך געוויס דאָס באַוווּסטזיין פאַרלירן ? צי האָט מיין פּנים אויף זיך סימנים פון דעם, וואָס איך רעד ? פאַרוואָס מאַכט איר זיך גאָרנישט וויסנדיק ? גיט אַן אויפריכטיקע תּשובה, מיין טייערער פריינט ; פאַר־וואָס ענטפערט איר מיר נישט ?

און אויב מיר איז נישט באַשערט צו שטאַרבן ! אויב

איך דאַרף נאָך לעבן לאַנג, אין אַ דול-הויז, ווי אַ משוגענער!

ניין; איך בין מיך מודה ומתודה, אַז דערפאַר שרעק איך מיך נישט. איר ווייסט דאָך.. אַז זיי ביידע קומען צו מיר באַנאַכט. אין אַ געוויסער נאַכט וועט זיך געוויס טשיראָ באַגעגענען מיט אַן אַנדערן: איך ווייס דאָס געוויס, איך זע דאָס פאָר. און...

דאַמאָלס? דער אויסברויז פון כעס, דאָס שרעקלעכע משוגעת, אין דער פינסטערניש...

— מיין גאָט, גאָט מיינער! דאָס וועט שוין זיין מיין סוף.

האַלוצינאַציע, יאָ; נישט אַנדערש. איר זאָגט גוט. אָך, יאָ, יאָ, איר זאָגט גוט: עס איז גענוג אַ שטיקל ליכט — איך זאָל מיך באַרויקן, ווייל איך שלאָף שטאַרק; יאָ, יאָ, אַ עטיקל ליכט, גאָר פשוט, אַ שטיקל ליכט. איך דאַנק אייך, מיין ליבער פריינט.

וו האָבן מיר זיך געפונען? — אַך, שוין אין טיוואָלי.

— אַ שרעקלעכער ריח פון שוועבל-וואסער; און ווייטער אַרום אָליוון-ביימער, גאַנצע אָליוון-וועלדער; און אין מיר אַ מאָדנע פרימיטיוו געפיל, וואָס צעשפרייט

און צעווייעט זיך שנעל. איך בין אראפ פון טראמוויי, אויף די גאסן האבן ארומגעשפאצירט מענטשן אהין און-צוריק; די פאלמען אויף דער זון האבן געשיינט, די גלאקן האבן געקלונגען. איך האב געוווסט, אז איך וועל זי דא באגעגענען

— אך הער עפיסקאפא! פון וואנען נעמט איר אייך דא אהער?

דאס איז דזשינעווראס שטימע; דאס איז דזשינעווראס פאר מיר געשטאנען, א צעמישטע, און מיט אויסגעשטרעקטע הענט.

— פארוואס זענט איר אזוי בלאס? צי זענט איר דען קראנק געוועזן?

זי קוקט אויף מיר און לאכט, ווארטנדיק ביז איך וועל אנהייבן רעדן. צי איז דאס די פרוי, וועלכע האט זיך געדרייט ארום טיש, אין א צימער פול מיט רויך, וואס איז באלויכטען געוועזן מיט גאז? צי איז דאס מעגלעך, אז דאס איז די זעלבע. ענדלעך האב איך עפעס ארויסגעזאגט.

זי איז צוגעשטאנען:

— אבער ווי קומט איר אהער? וואס פאר אן א בעראשונג!

— זיך צו זען מיט אייך.

— אָך, צי געדענקט איר, מיר זיינען דאָך פּאַרקנסט?

דערנאָך האָט זי צוגעגעבן:

— דאָס איז מיין שוועסטער, קום מיט אונדז אין קלויסטער. בלייב היינטיקן טאָג מיט אונדז; דו באַשטייסט? שטעל זיך פאָר אַלס אַ חתן.

זי איז געווען פריילעך, באַריידעוודיק, פול אומדערוואַרטע איינפאַלן, פאַרפירערישע הנדלען. זי איז געווען פשוט געקליידט, אָבער מיט גראַציע, כמעט מיט עלעגאַנץ. זי האָט זיך נאָכגעפרעגט אויף מיינע חברים.

— און וואַנצער!

זי האָט פון דער גאַנצער מעשה געוווסט פון אַ ציימונג.

— איר זענטביידע געווען גרויסע גוטע פריינט. נישט אמת?

איך האָב איר גלייך נישט געענטפערט. אַ ווײַלע האָבן מיר ביידע געשוויגן; זי האָט זיך פאַרטראַכט. מיר זיינען אריין אין אַ קלויסטער, וועלכער איז באַפּוצט געווען מיט געבענטשטע פּאַלמען. דזשינעווראַ האָט זיך געשטעלט אויף די קני לעבן איר שוועסטער, זי האָט אויפגעעפנט איר געבעט-ביכעלע און אַנגע-

הויבן בעטן. איך בין געשטאַנען פון הינטן און באַ טראַכט איר האַלדז; באַמערקנדיק אַ קליינעם ברויניצם צייכן באַ איר אויפן האַלדז, האָב איך אַ ציטער געטון. אין דעם זעלבן מאָמענט האָט זי אויסגעדרייט איר קאָפּ און באַשענקט מיך מיט אַ ברענענדיקן בליק.

ווידער די זכרונות פון דער פאַרגאַנגענהייט! און וואָס קען מיך קימערן די צוקונפט! עס עקזיסטירט נאָר די געגנוואַרט, און פאַר מיר עקזיסטירט נישט מער, נאָר די איינציקע פרוי. אָן דער פרוי בלייבט מיר נישט קיין אַנדערע זאַך, ווי שטאַרבן.

אַרויסגייענדיק, האָט זי מיר דערלאַנגט אַ פּאַלמען-צווייג. איך האָב אַ קוק געטון אויף איר, נישט אַרויס-זאָגנדיק קיין איינציק וואָרט; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז דורך דעם קוק איז פאַר איר אַלץ קלאָר געוואָרן. מיר האָבן זיך געלאָזט גיין צו איר שוועסטער. מען האָט אונדז איינגעלאַדן אין שטוב אַריין. דזשי-נעווראַ האָט מיר אַ זאָג געטון, אַרויפגייענדיק אויפן באַלקאָן:

— קומט, קומט אַ ביסל אַהער, איר וועט זיך דער-וואַרעמען אויף דער זון.

מיר זיצן ביידע אויפן באַלקאָן, איינער לעבן צווייטן. די זון באַלויכט אונדז מיט אירע ליכטיקע שטראַלן;

כסדר, אַן אויפהער קלינגען אונדז די גלאָקן אין די אויערן. זי רעדט זייער שטיל, כמעט ווי אין זיך :

— ווער האָט דאָס געקענט אויף אים אַזוינס טראַכטן?

מיין הארץ האָט זיך מיטאַמאָל אָנגעפילט מיט אַ גרענעצלאָזער צערטלעכקייט. איך בין מער נישט געווען „איך". איך האָב זי אַ פרעג-געטון מיט אַן אומזיכערער שטימע :

— מיר זיינען דאָך פאַרקנסט ?

זי האָט אַ ווייל געשוויגן. דערנאָך האָט זי געענטפערט, אויפהייבנדיק פּאַמעלעך אירע אויגן :

— איר ווילט דאָס ? זייער גוט. מיר זיינען.

עס האָט זיך דערהערט אַ רוף פון אינעווייניק. דאָרט האָט זיך געפונען אַ שוואָגער, עטלעכע אַנדערע קרובים און אַ פּאָר קינדער. איך האָב מיך דאָרט געהאַלטן, ווי אַן אמתדיקער חתן ! באַם טיש בין איך געזעסן לעבן דזשינעווראַן. נישט איינמאָל האָבן מיר זיך ביידע אונטערן טישטוך די הענט געדריקט. עס האָט זיך מיטאַמאָל אין מיר אַ שרעקלעכע תאווה דערוועקט, אַזוי, אַז איך האָב געמיינט, איך וועל עס נישט אויסהאַלטן. דער שוואָגער, די שוועסטער און אַלע קרובים האָבן פון מיר זייערע אויגן נישט אַראָפּגענומען : זיי האָבן מיר

כסדר באַטראַכט מיט אַ מין נאַרישער נייגעריקייט.

— אָבער וואָס קען דאָס זיין, וואָס קיינער ווייסט פון אים גאָרנישט?

— און אפילו דו, דזשינעווראַ האָסט פון אים קיין וואָרט נישט דערמאָנט!

מיר האָבן אַלע געלאַכט, געשפּאַסט, זיך נאַריש געמאַכט, גערעדט פון דעם, פון יענעם, און אַז אַלץ איז אַן אַבסורד, אַ חלום...

יאָ, אַן אַבסורד, אומגלויבלעך, נאַריש; נאַרישער קען שוין גאָרנישט זיין און אַזאַ פאַל האָט זיך אויך געטראָפן מיט מיר, דעם מאַנסביל פון דער וועלט, דזשיאָוואַני עפיסקאָפאָ, און דער פרוי פון דער דאָזי־קער וועלט דזשינעווראַ קאַנאַלע; און פאַרגעקומען איז דאָס, פונקט אַזוי, ווי איך האָב אייך שוין דער־ציילט.

אַך, מיין פריינט, איר קענט לאַכן וויפל איר ווילט איך וועל מיך גאָרנישט באַליידיקן.

דער טראַגישער פאַרס. ווו האָב איך אַזאַ זאַך

געבליבן? — קיין קאָמישערע, קיין געמיינערע, קיין ווילדערע זאַך געווים נישט.

זי האָט מיך גערופן צו איר מוטער און איך בין געגאַנגען. דאָס איז געווען אַן אַלט הויז אויף מאָטאַבאַראַ גאַס; די טרעפּ זיינען געווען ענגע, פייכטע, גליטשיקע. ערגיץ־ווו דורך אַ שפּאַלט האָט זיך אַריינגעגנבעט אַ שוואַכער זונען־שטראַל. די דאָזיקע גרינלעכע, ענלעכע צו אונטערערדישע, שטראַלן, זיינען אומפאַרגעסלעך. אַלץ האָב איך גוט אין מיין זכרון! אַרויפגייענדיק, האָב איך מיך כמעט בײַ יעדער טרעפּל פאַרהאַלטן, ווייל עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אָט־אָט פאַרליר איך די גלייכגעוויכט, פּונקט ווי איך וואָלט געגאַנגען אויף שווימענדיק אייז. וואָס העכער איך בין אַרויפגעגאַנגען אויף די דאָזיקע טרעפּ אַלץ פאַנטאַסטישער האָט מיר אויסגעזען די שיין; עס האָט געהערשט אַ סודותפולע, טויטע שטילקייט, אין וועלכער עס האָבן זיך געהערט אָפּקלאַנגען פון ווייטע אומפאַרשטענדלעכע שטימען. מיטאַמאָל האָב איך דערהערט, ווי אַ טיר האָט זיך האַסטיק אויפגעעפנט; און אַ שרעקלעכע פרויען־שטימע האָט פאַרהילכט די טרעפּ. דערנאָך האָט זיך די טיר צוריק צוגעמאַכט מיט אַזאַ גראַסק, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז די שטוב פאַלט איין.

אויך אויף מיר האָט די הויט אַ ציטער-געטון, און איך בין געבליבן שטיין אין אַ גרויס פאַרלעגנהייט. אַ פיגור האָט זיך לאַנגזאַם אַראָפּגעלאָזט פון די טרעפּ, האַלטנ־דיק זיך האַרט באַ דער וואַנט. עס האָט זיך געדאַכט. אַז די פיגור גייט נישט, נאָר זי גליטשט זיך. פון די גרויסע גרויע לאָקן האָט אַרויסגעשטעקט אַ קאָפּ, וועלכער האָט עפּעס געברומט און געקניכעט. ווען ער האָט מיך פאַרטשעפּעט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, איך האָב מיך באַגעגנט מיט אַ פּאָר גרויסע שוואַרצע ברילן, וועלכע האָבן אַרויסגעשטעקט פון אַ רויטן פּנים, וואָס איז געווען ענלעך צו אַ רוי שטיק פלייש.

דער מענטש האָט מיך אָנגענומען פאַר אײנעם זײנעם א באַקאַנטן און האָט אויסגערופן:

— פּיעטראָ!

ער האָט מיך אָנגעכאַפּט באַם אָרעם. עס האָט מיר אַ שלאָג-געטון אין פּנים אַריין אַ ריח פון בראָנפן. ער האָט זיך אָבער באַלד אַרומגעזען, אַז ער האָט אַ טעות געהאט און זיך אָנגעהויבן ווייטער אַראָפּלאָזן. איך, פון מיין זייט, האָב אָנגעהויבן ווייטער אַרויפצוגיין. איך ווייס נישט פאַרוואָס, נאָר איך בין געווען זיכער, אַז איך האָב דאָ באַגעגנט אַ פּערזאָן פון דער פאַ־מיליע. באַלד דערנאָך האָט זיך מיר באַוויזן אַ טיר.

אויף וועלכער עס איז געשטאַנען אָנגעשריבן : „עמיליאַ קאַנאַלע, אַ מעקלערין פון מאָנטע - די - פּיעטאַ, וועלכע האָט אַן ערלויבניש פון דער פּאָליציי". וועלנדיק אַרויס פון מיין וואַקלענדיקער לאַגע, האָב איך מיר געמאַכט מוט און אַ צי - געטון דאָס גלעקל. אָבער קעגן מיין ווילן האָב איך אַזאַ שטאַרקן צי געטון, אַז דאָס גלעקל האָט אָנגעהויבן שרעקלעך צו קלינגען. איך האָב דערהערט פון אינעווייניק אַ בייזע שטימע. איך האָב אין איר דערקענט די זעלבע פרעכע שטימע. די טיר האָט זיך אויפגעעפנט ; עס האָט מיך באַהערשט אַ פּאַניק, און נישט קוקנדיק, וואָס עס טוט זיך פאַר מיינע אויגן, האָב איך מיט אַ נישט זיכערער שטימע אַרויסגערעדט :

— איך בין עפּיסקאָפּאָ, דזשיאָוואַני עפּיסקאָפּאָ, דער אָנגעשטעלטער... איך בין געקומען, ווי איר ווייסט שוין... נאָך אייער טאָכטער... ווי איר ווייסט שוין... זייט מיר מוחל, זייט מיר מוחל, וואָס איך האָב אַ צו שטאַרקן צי - געטון דאָס גלעקל.

פאַר מיינע אויגן איז געשטאַנען דזשינעווראַ מוטער, אַ פרוי, נאָך זייער אַ שיינע און בליענדע, אַ מ ע ק ל ע ר י ן, מיט אַ גאָלדענע קייט אויפן האַלדז, מיט צוויי גאָלדענע אויערינגלעך און גאָלדענע רינגען אויף אַלע

פינגער. מיט האַלבע ווערטער האָב איך געבעטן איר טאָכטערס האַנט — איר דערמאָנט זיך? — דער באַ־ווסטער פאַרשלאַג פון פיליפּאָפּאָ דאָבערטי!

אַך, מיין פריינט, איר קענט לאַכן וויפל איר ווילט, איך וועל מיך נישט באַליידיקן.

צי דאַרף איך אייך גענוי דערציילן אַלץ, וואָס איז געשען טאָג־באַטאָג שעה־באַ־שעה? צי ווילט איר וויסן יעדע קלייניקייט, יעדע קליינע סצענע, מיין גאַנץ לעבן, מיין משוגען, קאָמיש, אומגליקלעך לעבן פון יענעם טאָג אָן ביז דער לעצטער גרויסער גע־שעעניש? איר ווילט לאַכן? איר ווילט וויינען? איך קען אייך אַלץ דערציילן. ווי פון א בוך אַרויס ליין איך מיין פאַרגאַנגענהייט. אַזעלכע אָפענע אויגן קענען האָבן נאָר אַזעלכע, וועמענס סוף עס איז שוין זייער נאָנט.

אָבער איך בין שוין פאַרמאַטערט, איך פיל מיך זייער שוואַך, און איר דאַרפט שוין אויך זיין אָפּגע־שוואַכט. עס איז גלייכער אַ ביסל צו פאַרקירצן די געשיכטע.

איך פאַרקירץ. בא דזשינעוראַס מוטער האָב איך זייער לייכט געפונ:ן.

עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז די מעקלערקע איז

איינגעאָרמירט געווען וועגן מיין אמת, וועגן מיין געהאַלט און וועגן אַלע באַדינגונגען, וואָס האָבן אַ שייכות צו מיר.

זי האָט געהאַט אַ קלינגענדיקע שטימע, אַנטשלאָסענע באַוועגונגען, אַ בייזן, כמעט אַ ווילדן קוק, וועלכער איז צייטנווייז אָנגעפילט געווען מיט חניפה און מיט תאווה, ענלעך צו דזשינעוורא. ווען זי האָט גערעדט מיט מיר, האָט זי זיך צוגערוקט אַזוי נעענטער צו מיר און כסדר זיך צוגערירט מיט די הענט צו מיר: דאָ האָט זי מיך אַ קליינעם שטופּ געטון, דאָ האָט זי מיך אַ צי-געטון בײַ אַ קנעפּל פון מיין אַנצוג, דאָ האָט זי אַראָפּגעוואָרפן אַ שטויבעלע פון מיין פּלייצע און דאָ האָט זי גאָר אַראָפּגענומען אַ פאָדעם פון מיין קאַפּעלוש. מיינע נערוון זיינען מיר שרעקלעך אויפגערעגט געוואָרן; איך האָב געליטן פון אַ פרוי, וועלכע האָט נישט איינמאָל דערלאַנגט איר מאַן מיט די פויסטן.

דער מאַן אירער איז געווען דער מענטש, וועלכן איך האָב באַגעגנט אויף די טרעפּ, מיט בלויע ברילן, אַן אומגליקלעכער אידיאָט.

דער דאָזיקער מאַן איז געווען אַ דרוקער. צוליב אַן אויגן-קראַנקייט האָט ער געמוזט אויפהערן אַרבעטן.

ער האָט געלעבט אויפן חשבון פון זיין ווייב, זיין זון און זיין שנור. די באַציהונגען צו אים זיינען געווען ווי צו אַן אָנגעוואָרפּענעם. ער האָט ליב געהאַט דעם טרונק און איז תּמיד גענייגט געווען צו לעשן זיין דורשט, דעם שרעקלעכן דורשט. קיינער אין שטוב האָט אים קיינמאָל קיין גראָשן נישט געגעבן; אָבער כּדי צו פאַרדינען אַ פּאָר מאַרק אויף צו טרינקען, פלעגט ער שטילערהייט געפינען פאַרשיידענע עצות. און ווער ווייסט אויף וועלכער גאַס, אין וועלכער קראָם, מיט וואָסערע מענטשן ער פלעגט פאַרקערן, וואָסער נידריקע אַרבעט ער פלעגט אויספירן, אַבי צו באַקומען געלט אויף צו טרינקען. אַז עס פלעגט זיך אים מאַכן די געלעגנהייט, פלעגט ער אַ כאַפּ-טון אַ קלייד פון שטוב און לויפן עס פאַרקויפן, צו קענען טרינקען, זיך צו קענען אָפּגעבן דער שרעקלעכער ליידנשאַפט, זיך צו קענען פאַרגעסן: ער פלעגט זיך קיינמאָל נישט אָפּשרעקן, נישט פאַר קיין קללות און נישט פאַר קיין קלעפּ. ווייניקסטנס איינמאָל אין דער וואָך פלעגט אים דאָס ווייב דערלאַנגען וויפל עס פלעגט אין אים אַריין, און אָן שום רחמנות אים אַרויסטרייבן פון שטוב. אין משך פון צוויי, דריי טעג פלעגט ער נישט האָבן דעם מוט זיך צוריקצוקערן און קלאַפּן

אין דער טיר. וווּהין פלעגט ער גיין? ווו פלעגט ער לעבן?

פון ערשטן טאָג אָן האָב איך באַ אים נושא חן גע־ווען; פון ערשטן טאָג אָן, ווי איך האָב איך אים נאָר דערקענט, בשעת איך בין געזעסן און אויסגעהערט די פּלוידעריי פון מיין צוקונפטיקן שוואָגער, איז ער זיך געשטאַנען קעגן מיר און כסדר געלאַכט, אַזוי, אַז זיין אונטערשטע ליפּ, וועלכע איז געווען א ביסל לענ־גער, האָט זיך געהאַלטן אין איין טרייסלען; די דאָ־זיקע ליפּ האָט אָבער נישט גערייצט אַזוי שטאַרק, ווי די צוגעמאַכטע קראַנקע אויגן. ווען איך האָב מיך אויפ־געהויבן אַוועקצוגיין האָט ער מיר אַ זאָג געטון מיט אַ נידריקער און ציטערדיקער שטימע:

— איך וויל מיט אייך מיטגיין.

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען צוזאַמען. איך האָב באַ־מערקט, אַז זיינע פיס זאָגן זיך אים אָפּ צו פאָלגן. זע־ענדיק, ווי ער וואַקלט זיך און שטייט קוים אויף די פיס, האָב איך אים געזאָגט...

— אפשר ווילט איר אייך אָנשפּאַרן אָן מיר?

דער פּלאַן איז אים געפעלן, און ער האָט זיך אָנ־געשפּאַרט. ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אויף דער גאַס, האָט ער מיך כסדר געהאַלטן באַם אָרעם, נישט

קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב עטלעכע מאָל געפּרווט זיך צו באַפרייען פון אים. מיר זיינען געגאַנגען און געשוויגן; נאָר פון צייט־צו־צייט פלעגט ער זיך אויסדרייען צו מיר און צובייגן זיין קאָפּ אַזוי נאָנט, אַז ער פלעגט מיך אָנרירן מיטן ראַנד פון זיין קאַפּעלוש. כדי איבערצורייסן די שטילקייט, פלעגט ער זיך מיטאַמאָל צעלאַכן מיט אַן אויסערגעוויינטלעכן, קלינגעדיקן געלעכטער.

איך דערמאַן מיך: עס איז געווען בין־השמשות; דאָס וועטער איז געווען זייער שיין. די גאַסן זיינען געווען פול מיט מענטשן. לעבן אַ קאַווע־הויז האָבן צוויי שפּילער: איינער מיט אַ פלייט און דער צווייטער מיט אַ גיטאַרע געשפּילט די אַריע פון נאָרמאַ. איך דערמאַן מיך נאָך: עס איז דורכגעפאָרן אַ קאַרעטע, וועלכע האָט געפירט אַ פאַרווונדעטן, אין באַגלייטונג פון צוויי זעלנער.

צום סוף האָט ער מיר געזאָגט, דריקנדיק מיר מיין האַנט:

— איך בין זייער צופרידן; דו ווייסט? זייער צופרידן. וואָס פאַר אַ גוטער שוויגערזון דו וועסט זיין! איך האָב דיך שוין זייער ליב געקריגן, דו ווייסט?

ער האָט אַרויסגערעדט די דאָזיקע ווערטער מיט

אַ מין אויפרעגונג, פּונקט ווי זיי וואָלטן געקומען פון אַנטשלאָסענע געדאַנקען, דייטלעכע ווּנטשן, וועלכע האָבן אים געדרוקט און ער האָט זיי געוואָלט אַרויס-זאָגן. דערנאָך האָט ער אָנגעהויבן לאַכן, ווי אַ משוּגענער. אצ״נד האָט ער געמאַכט אַ לאַנגע פּויזע, נאָך וועלכער ער האָט אויף דאָס ניי אַ זאָג-געטון:

איך בין זייער צופרידן

ער האָט זיך ווידער פונאַנדערגעלאכט, נאָר דאָס מאָל שוין קאָנוווּלסיוו. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער ליידט און מאַטערט זיך פון אַ נערוון-אויפרעגונג. ווען מיר האָבן זיך געפונען פאר אַ שוי-פענסטער, וועלכעס האָט געגלאַנצט און געשיינט אינעווייניק, האָט ער האַסטיק אַ זאָג-געטון:

— אפשר וועלן מיר אויסטרינקען אַ גלעזל צוזאַמען?

ער האָט זיך אָפּגעשטעלט און מיך אויך פאַרהאַלטן באַ אַ טיר, לעבן וועלכער עס האָט זיך אויפן טראָטואַר אָנגעשיינט אַ רויטער פלעק. איך האָב געפילט, אַז עס טרייסלט אים הענט און פיס; א דאַנק דער ליכטיקייט, האָב איך דורך זיינע ברילן אַדורך באַמערקט די קראַנקע אָנגעשוואָלענע אויגן.

איך האָב געענטפערט:

— לאָמיר אַריינגיין.

מיר זיינען אריין אין רעסטאָראַן. דאָרט האָבן זיך גראָד ווייניק טרינקערס געפונען. עס איז נאָר געזעסן אַ גרופּע און געשפּילט אין קאָרטן. מיר האָבן זיך אַוועקגעזעצט אין אַ ווינקל. קאַנאַלע האָט באַפוילן:

— אַ ליטר פון די רויטע

עס האָט זיך געדאַכט, אַז עס האָט אים מיטאַמאָל אָנגענומען אַ חייזעריקייט. ער האָט אָנגעגאָסן ווייַן אין די גלעזער, טרייסלענדיק זיך ווי אַ פּאַראַליטיקער, מיט איין זופּ האָט ער אויסגעטרונקען; און ווען ער האָט נאָך געזייגט די ליפּן, האָט ער שוין אָנגעגאָסן אַן אַנדער גלאָז. אַוועקשטעלנדיק די פלאַש, האָט ער אַ שמייכל געטין און זיך צופנהאַרציק מודה געווען:

— שוין דריי טעג ווי איך האָב גאָרנישט געטרונקען.

— דריי טעג שוין?

— שוין דריי טעג וועט זיין. איך האָב קיין געלט נישט. אין שטוב גיט מיר קיינער קיין פעניק נישט. דו פאַרשטייסט? דו פאַרשטייכט? און איך קען שוין מער נישט אַרבעטן. מיט די דאָזיקע אויגן... זע נאָר, מיין זון.

ער האָט אַראָפּגענומען זיינע ברילן; עס האָט זיך מיר דאַמאָלס געדאַכט, אַז ער האָט אַראָפּגענומען אַ מאַסקע — אַזוי האָבן זיך די שטריכן פון זיין פּנים

געענדערט. זיין אויסזען איז געווען שרעקלעך. די אייבערשטע ברעמען זיינען געווען אויסגעקראָכן און אָנגעשוואָלן; די נידריקע ברעמען זיינען געווען גראָב פון מאַטעריע. פון מיטן פון דער דאָזיקער רויטקייט און געשווילעכץ האָט מען קוים אַרויסגעזען אַ פּאָר פאַרטערטע שוואַרצאַפּלען, אויף וועלכע עס איז געלעגן אַ טיפער, אומענדלעכער טרויער, דער זעלבער אומפאַרשטענדלעכער טרויער, וועלכן חיות האָבן אין זייער בליק, ווען זיי ליידן. דאָס דאָזיקע בילד האָט אין מיר דערוועקט אַ געפיל פון עקל און רחמנות צוזאַמען. איך האָב אים געפרעגט:

— זיי טון אייך וויי? איר ליידט פון זיי שרעקלעך?

— אַך, שטעל דיר פאָר מיין קינד! די נאָדלען, די נאָדלען, די הילצערנע שפּענדלעך, די שטיקלעך גלאָז, די שטעכעדיקע דערנער... ווען מען וואָלט מיר די אַלע זאַכן אָנגעשטעקט אין די אויגן אַריין, מיין קינד, וואָלט דאָס אַלץ גאָרנישט געווען אין פאַרגלייך...

ער האָט געוויס איבערגעטריבן זיינע ליידן; דאָס איז דערפאַר, ווייל ער האָט געזען, אַז מען ווייזט אים אַרויס מיטגעפיל. און ווער ווייסט, ווי לאַנג ער האָט שוין נישט געהערט קיין וואָרט פון מיטגעפיל

ער האָט איבערגעטרי..ן זיינע ליידן, כדי צו דערוועקן אין מיר דאָס געפיל פון רחמנות, כדי כאָטש אַמאָל פון עמיצן געטרייסט צו ווערן.

— אַזוי טון זיי אייך וויי?

— זייער.

ער האָט זייער לאַנגזאַם דורכגעווישט די ברעמען מיט אַזאַ שמאַטע, וואָס האָט נישט געהאַט קיין שום קאָליר און קיין שום פאָרם. דערנאָך האָט ער אַראָפּ־געלאָזט די ברילן און מיט איין צי אויסגעזופּט דאָס גלאָז. איך האָב אויך געטרונקען. ער האָט אָנגעריירט די פלאַ.. און געזאָגט:

— עס איז נישטאָ קיין בעסערע זאַך אויף דער וועלט, מיין קינד.

איך האָב אים באַטראַכט. ער איז מיט קיין שום זאַ.. נישט ענלעך געווען צו דזשינעווראַן. נישט מיט די שטריכן, נישט מיטן אויסזען, נישט מיט די באַ־וועגונגען; מיט קיין זאַך נישט. איך האָב אַ קלער געטון:

„נישט ער איז דער פאָטער".

ער האָט ווידער געטרונקען; ער האָט געהייסן נאָך

ווייַן דערלאַנגען; ער האָט דערנאָך אָנגעהויבן רעדן מיט א שטאַרקערע שטימע:

— איך בין צופרידן, וואָס דו האָסט חתונה מיט דזשינעווראַן. און דו מעגסט אויך צופרידן זיין... זייער אַן אָרנטלעכע משפחה, די קאַנאַלע! אויב מיר זיינען אַצינד נישט אָרנטלעך...

ווען ער האָט אויפגעהויבן דאָס גלאָז, האָט זיך אויף זיין פּנים באַוויזן אַ צווייַדייטיקער שמייכל, וועלכער האָט מיך שטארק באַאומרויִקט. דערנאָך האָט ער ווייטער גערעדט:

— אַך, דזשינעווראַ.. דזשינעווראַ האָט דאָך גע-קענט זיין פאַר אונדז אַן אוצר, אויב מיר וואָלטן דאָס נאָר געוואָלט. דו פאַרשטייסט? דיר קען מען דאָס דערציילן נישט איינעם, נישט צוויי, נישט דריי, נאָר אַ צען, צוואַנציק פאָרשלאָגן... און וואָסערע פאָרשלאַגן, מיין קינד!

איך האָב געפילט, אַז איך בין בלאַס געוואָרן פון די דאָזיקע ווערטער.

— דער פּרינץ אַלטיני, צום ביישפּיל... ווי לאַנג איז ער געשטאַנען קעגן מיר! מיט עטלעכע חדשים צוריק, איידער דזשינעווראַ איז אַוועק אין טיוואָלי האָט ער מיך אין אַן אָוונט אַוועקגעשלעפּט ביז צו

זיין פּאַלאַץ. דו פאַרשטייסט? דריי טויזנט לירעס האָט ער גלייך געגעבן; דערנאָך האָט ער אויפגעעפנט זיין הויז פאַר איר. א. אַ. וו. א. אַ. וו.... אָ״, ניין, ניין, עמיליע האָט דאָס תּמיד געזאָגט: „עס פּאַסט נישט, עס פּאַסט נישט. מיר האָבן חתונה געמאַכט איינע, לאָמיר־זשע חתונה מאַכן אויך די צווייטע. אַ באַאַמטן מיט אַ גוטער קאַריערע, מיט אַ זיכערע פּענסיע... מיר וועלן אַזעלכן געפינען". דו זעסט? דו זעסט? דו ביסט געקומען. דו הייסט עפּיסקאָפּאָ, אמת? אַך, ווי דאָס וועט קלינגען! פרוי עפּיסקאָפּאָ, פרוי עפּיסקאָפּאָ...

ער האָט באַקומען לשון. ער האָט אָנגעהויבן לאַכן.

— וואָס, האָסט זי געזען? האָסט זי געקענט? דאָרט אין פּענסיאָן? דערצייל, דערצייל. איך בין גרייט דיך אויסצוהערן.

אין דעם אויגנבליק איז אַריינגעקומען א מענטש מיט אַן הצטלעך אויסזען, אַ בלאַסער, און אַ פּנים פול מיט רויטע פרישטשעס. ער איז געוויס געווען, אָדער אַ פריזירער, אָדער אַ דינער. ער האָט באַגריסט קאַנאַלן.

— ווי גייט עס, באַטיסטאַ!

באַטיסטאַ האָט אים צוגערופן און אים דערלאַנגט אַ גלאָז ווייַן.

— טרינקט, טעאָדאָראָ, פאַר אונדזער געזונט, אָט איז מיין צוקונפטיקער איידעם, דזשינעווראַס חתן.

דער אומבאַקאַנטער האָט, אַן אַנטשטוינטער, מיך באַטראַכט מיט אַזאַ פּאָר אויגן, אַז זיי האָבן מיך צ׳טערן געמאַכט, פּונקט ווי איך וואָלט דערפילט, אַז מוראשקעס קריכן איבער מיין קערפּער. ער האָט אַ שושקע געטון:

אַך, דאָס איז דאָס דער הער...

— יאָ, יאָ — האָט דער פלוידערזאַק איבערגעריסן — דער הער עפּיסקאָפּאָ.

— אַך, הער עפּיסקאָפּאָ. זייער איינגענעם. מזל-טוב אייך...

איך האָב דאָס מויל נישט געעפנט. אָבער באַטיסטאָ האָט געהאַלטן אין איין לאַכן, צוגעבנדיק זיך אַ בייז אויסזען. דער צווייטער האָט אין אַ ווײַלע ארום זיך אויפגעהויבן פון אָרט.

— אַדיע, באַטיסטאָ. באַ גוטע געלעגנהייטן זיך ווידער צו טרעפן, הער עפּיסקאָפּאָ.

ער האָט מיר אויסגעצויגן זיין האַנט און איך האָב אים געגעבן מיינע.

ווען יענער האָט זיך דערווייטערט, האָט מיר באַטיסטאָ אריינגעזאָגט מיט אַ שוואַכע שטימע:

— דו ווייסט ווער דאָס איז? דער טעאָדאָראָ...

דאָס איז דער פאַרטרויונגסמאַן פון אַלטן מאַרקיז אַגוט, וועלכער האָט אַ פּאַלאַץ דאָ נאָנט. שוין אַ גאַנץ יאָר, ווי ער דרייט זיך אַרום מיר, צוליב דזשינעווראַן. דו פאַרשטייסט? דער אַלטער וויל זי, ווייל זי ער איז אין איר שטאַרק פאַרליבט; ער וויינט, ער שלאָגט אָפּ זיינע פּיס, ווי אַ קינד, ווייל ער האָט זי ליב. דער מאַרקיז אַגוט, וועלכער הייסט זיך צובינדן צו אַן אייזערנעם בעט און הייסט זיינע געליבטע זיך שמייסן ביז בלוט... מיר האָבן נישט איינמאָל אין אונדזער הויז געהערט די גוואַלטן... דערנאָך באַשעפטיקט זיך מיט דעם די פּאָליציי. . אַך דו אָרימער טעאָדאָראָ, ווי אַזוי דו ביסט געבליבן! האָסט באַמערקט וואָסער פּנים ער האָט געהאַט? ער האָט דאָס נישט דערוואַרט, ער האָט דאָס נישט דערוואַרט, אָרימער טעאָדאָראָ!

ער האָט כּסדר געהאַלטן אין איין לאַכן, און מיך האָט דאָס געצוונט געקאָסט. מיט אַמאָל האָט ער זיך אָפּגעשטעלט און אַרויסגעלאָזט אַ קללה. פון אונטער די ברילן זיינען אים; פּגערונען צוויי טייכלעך אומ־ריינע טרערן.

— אַך, די אויגן! וואָסער מאַטערניש, ווען איך טרינק!

און נאָכאַמאָל האָט ער אַראָפּגענומען זיינע בלויע ברילן; און ווידעראַמאָל איז מיר אויסגעקומען צו

באַטראַכטן זיין גאַנץ פּאָרמלאָז פּנים, וועלכעס האָט אויסגעזעהן ווי אַן אָפּגעשונדס, פּונקט ווי די הינטנס פון געוויסע מאַלפּעס, וועלכע געפינען זיך אין די האַרעמס, איר פאַרשטייט? און איך האָב מיך נאָך אַמאָל צוגעקוקט צו די פּאָר שוואַרצאַפּל, וועלכע האָבן שוואַך אַרויסגעשטעקט פון די ביידע ווונדן. און נאָך אַמאָל האָט ער אָפּגעריבן זיינע ברעמען מיט דעם שטיק שמאטע.

— מען דאַרף שוין גיין. עס איז שוין צייט פאַר מיר — האָב איך אַ זאָג געטון.

— גוט, לאָמיר גיין. וואַרט נאָר.

ער האָט אַריינגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס און אָנגעהויבן דאָרט זוכן, פּונקט ווי ער וואָלט דאָרט געוואָלט עפּעס געפינען. עס איז אויסגעקומען זייער קאָמיש. איך האָב באַצאָלט. מיר האָבן זיך אויפגעהויבן און אַוועקגעגאַנגען. ער האָט מיך ווידער אָנגענומען באַם אָרעם. עס האָט זיך מיר בעדאַכט, אַז ער וועט מיך שוין דעם אָוונט נישט וועלן אוועקלאָזן פון זיך. פון צייט־צו־צייט האָט ער געלאכט, ווי אַ משוגענער. איך האָב געפילט, אַז ער איז צעמישט, שרעקלעך אויפגערעגט, פּונקט ווי איינער, וואָס וויל עפּעס זאָגן, נאָר וואַגט נישט און שעמט זיך.

— אָ, וואָס פאַר אַ שיינער אָוונט! — האָט ער אַ זאָג געטון, און דער זעלבער קאָנוואולסיווער שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אויף זיין פּנים.

און פּונקט ווי אַ שטאַמלדיקער, וואָס ווענדט אָ אלע קרעפטן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, אַזוי האָט ער מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, וועלכער איז באַהאַלטן געווען אין קאַפּעלוש, אַרויסגעזאָגט:

— גיב מיר פינף לירעס. איך וועל זיי דיר אָפּגעבן.

מיר האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט, איך האָב אַרויסגענומען פינף לירעס און אים אַריינגעשטעקט אין דער האַנט אַריין, וועלכע האָט שרעקלעך געציטערט. ער האָט זיך גלייך אויסגעדרייט און פאַרשוואונדן געוואָרן אין דער פינסטערניש.

אַך, וואָס פאַר אַ רחמנות! אַ מענטש, וואָס ווערט פאַרצערט פון זיין פאַרדאָרבנקייט, אַ מענטש וואָס זינקט אַלץ טיפער און טיפער אין אָפּגרונט פון שיכרות; ער פילט גאַנץ גוט, אַז עס ווערט אַ תל פון אים, ער זעט גאַנץ גוט, אַז ער גייט אונטער, אָבער ער וויל נישט און קען זיך נישט ראַטעווען... וואָס פאַר אַ רחמנות, מיין פריינט, וואָס פאַר אַ רחמנות! צי ווייסט איר פון אַזאַ זאַך, וואָס זאָל טרויעריקער זיין פאַר דעם? זאָגט, זאָגט: וואָס קען נאָך זיין ערגערס צווישן

מענטשלעכע ליידן, אַז עס טרייסלען זיך באַ אייך הענט און פיס, צוליב אייער אייגענער האָפנונגסלאָזער ליידנ־שאַפט. צי קען נאָך זיין אַ טרויריקערע זאַך, ווי הענט, וואָס טרייסלען זיך, ווי קני, וואָס וואַקלען זיך, ווי ליפּן, וואָס קרימען זיך, ווי אַ גאַנצער גוף, וואָס ווערט פאַרצערט פון דער איינציקער באַדערפניש, נאָכצוגעבן דער אומרחמנותדיקער תאווה? זאָגט, זאָגט: וועלכע זאַך איז די טרויריקסטע אויף דער וועלט? וואָס?

און אַצינד, דערזעענדיק כסדר אַרום זיך דעם דאָ־זיקן שונא, זעענדיק אים אין פולן גלאַנץ, אַנט־דעקנדיק אַלע זיינע שפּורן, אויסגעפינענדיק זיין גאַנצע פאַרניכטונגס־קראַפט, זיינע פאַרבאָרגענע פאַוויסטונגס־מיטלען, זען, איר פאַרשטייט? אַלץ זען! זען, ווי יעדער מענטש ליידט, און פאַרשטיין, שטענדיק דאָס פאַרשטיין, און האָבן אַ פאָטערלעך געפיל פון רחמנות צו יעדן פאַרבלאָנדזשעטן, צו יעדן אומגליק־לעכן, און פילן אין אייגענעם גאַנצן וועזן דעם רוף פון דער דאָזיקער דערהויבענער, מענטשלעכער ברידער־לעכקייט, און יעדן מענטש אין גאַס נישט באַטראַכטן פאַר קיין אומבאַקאַנטן... איר פאַרשטייט? צי קענט איר פאַרשטיין דאָס אַלץ אין מיר, אין מיר, וועמען איר האַלט פאַר אַ קליינמוטיקן, פאַר אַ נידריקן

מענטש, כמעט פאַר אַן אידיאָט?

ניין, איך קען נישט דאָס נישט פאַרשטיין לײדער אָבער, עס איז אַזוי. עס זיינען פאַרהאַן אַזעלכע, אומדיפע־רענצירטע, וואָס מישן זיך אויס צווישן מענטשן, פונקט ווי אין אַ וואַלד, ווו אַלע ביימער זיינען גלייך; עס זיינען אָבער אויך דאָ אַזעלכע, וועלכע זיינען תמיד פאַרזאָרגט, וועלכע זוכן תמיד אַ שטומען ענטפער אויף עפּעס אַ שטומער פראַגע. פאַר די דאָזיקע זיינען קיין פרעמדע אויף דער וועלט נישטאָ.

און לײדער, זייערע הערצער זיינען אָפן פאַר אַלע, אָבער קיינעמס האַרץ איז נישט אָפן פאַר זיי.

איך ווייס דאָס, איך ווייס דאָס אַלץ, אָבער ווער ווערט דען געהיילט פון אַזעלכע מענטשן? ווער געניסט פון זייער ליבע? יעדער מענטש טראָגט זיך אַרום מיט אַ סודותפולן געפיל אַזעלכן, וואָס מען קען עס נישט אָנרופן, נישט גוטסקייט, נישט ליבע — דאָס איז אַן איינפאַכער אומבאַזיגבאַרער ווונטש פון פאַרגעניגן און עגאָיזם. איך ווייס דאָס אַלץ. עס איז נישטאָ קיין מענטש אויף דער וועלט, וואָס זאָל באמת ליבן אַ צווייטן, און עס איז נישטאָ קיין מענטש, וואָס זאָל באמת געליבט ווערן פון אַ צווייטן. איך האָב קיינמאָל נישט געוואָלט

סיך אַריינדרינגען אין דעם דאָזיקן געדאַנק, פאַר מורא איך זאָל דערפון נישט שטאַרבן.

זייער גוט, מיין פריינט, פון יענעם אָוונט אָן האָב איך מיך געפילט פאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן אומ-גליקלעכן, אָבער גלייכצייטיק בין איך אים געוואָרן אַ שונא. פאַרוואָס? צוליב וואָסערע געהיימע סיבות? צוליב וואָסערע פאַרבאָרגענע אינסטינקטן? אפשר צוליב דער צוזאַמענגעקראַפּט פון זיין ליידנשאַפט, וואָס האָט שוין מיך אויך אָנגעהויבן צו באַהערשן? אָדער אפשר האָט דאָ געהאַט אַ ווירקונג זיין האָפנונגסלאָזע אומגליקלעכקייט, וועלכע איז ענלעך געווען צו מיי-נער און עס איז פאַר איר אויך אַזוי קיין רעטונג נישט געווען?

נאָך יענעם אָוונט, פלעג איך אים דערנאָך יעדער אָוונט באַגעגענען. ער פלעגט מיך קומען אומעטום זוכן; ער פלעגט מיך אָפּוואַרטן באַם אַרויסגאַנג פון מיין ביוראָ; אָוונטצייט פלעגט ער מיך אָפּוואַרטן אויף די טרעפּ פון מיין וווינונג. ער פלעגט מיך קיין זאַך נישט פרעגן; אויך זיינע אויגן פלעגן גאָרנישט זאָגן, ווייל זיי זיינען תּמיד צוגעמאַכט געווען. עס איז אָבער גענוג געווען אַז איך זאָל נאָר אויף אים אַ קוק טון, איך האָב אים שוין גוט פאַרשטאַנען. ער פלעגט לאַכן

מיט זיין געוויינטלעכן נאַרישן און קאָנוואָלסיוון געלעכ־טער; עס פלעגט אים גאָרנישט אַרן. איך האָב נישט געוואוסט ווי אַזוי אים בייצוקומען און פון אים פּטור צו ווערן. איך האָב אים נישט געוואָלט באַליידיקן, נישט מיט קיין שלעכט וואָרט און נישט מיט קיין שטרענגער מינע. אפשר בין איך ארונטערגעפאַלן אונ־טער אַ צווייטער טיראַניי? האָט אפשר דזשוליאָ וואַנ־צער איבערגעלאָזט נאָך זיך אַ נאָכפאָלגער? איך האָב זייער אָפט געליטן פון זיין אָנוועזנהייט און דאָך האָב איך נישט אָנגענומען קיין שום מיטלען, כדי פּטור צו ווערן פון אים. צייטנווייז פלעגט ער פאַר מיר אויסגיסן זיינע געפילן מיט אַזאַ מין נאַרישער און טרויעריקער צערטלעכקייט, אַז עס פלעגט מיך פשוט באַם האַרץ אָננעמען. איינמאָל האָט ער אויסגעקרימט זיין מויל אַזוי, פונקט ווי קינדער טון דאָס, ווען זיי ווילן אָנ־הייבן צו וויינען און האָט מיר געזאָגט:

— פאַרוואָס רופסטו מיך נישט טאַטע?

איך האָב גאַנץ גוט געוואוסט, אַז ער איז נישט דער טאַטע; איך האָב אויך געוואוסט, אַז די זון זיינע זיינען אויך נישט פון אים. ער האָט דאָס מסתּם אויך געוואוסט. איך פלעג אים רופן טאַטע, ווען קיינער פלעגט דאָס נישט הערן, ווען מיר זיינען געווען אונ־

טער פיר אויגן, ווען איך האָב אים געוואָלט טרייסטן. כּדי אַרויסצוּריפן מיין רחמנות, פלעגט ער מיר טייל־מאָל ווייזן אַ ווונד אויפן קערפּער, ווי עס טון אָרי־מעלייט, בשעת זיי ווייזן עפּעס אַ מום, כּדי אַ גרעסערע נדבה אַרויסצוצי׳ען.

איך האָב מיך צופעליק דערוווּסט: אָוונטצייט פלעגט ער זיך אַ סך מאָל אַוועקלאָזן אין די ווייני־קער באַלויכטענע קוואַרטאַלן פון שטאָט און דאָרט מיט אַ נידעריקע שטימע בעטן באַ די פאַרבייגייער אַ נדבה. ער פלעגט דאָס מאַכן זייער געשיקט און אומבאַמערקבאַר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער פלעגט אַ צייט־לאַנג מיטגיין זייט־באַ־זייט מיטן פאַרבייגייער.

איינמאָל, אָוונטצייט, האָב איך באַם ווינקל פון פּאָר־טראַיאַנאָ באַמערקט ווי איינער דערנענטערט זיך צו מיר און מורמעלט עפּעס:

— איך בין אַן ארבעטסלאָזער אַרבעטער. איך בין כמעט בלינד. איך האָב פינף קינדער, וועלכע האָבן שוין אַנדערטהאַלבן מעת־לעת נישט געגעסן. האָט רחמנות, גיט מיר עפּעס אַ נדבה אויף ברויט פאַר די דאָזיקע אומגליקלעכע גאָטס־באַשעפענישן...

איך האָב אים גלייך דערקענט אָן זיין שטימע. אָבער ער, כמעט אַ בלינדער, האָט מיך אין דער פינ־

סטער פּאַקטיש נישט דערקענט. און איך האָב מיך שנעל דערוויטערט, אַנטלאָפן געוואָרן, אויס מורא נישט דערקענט צו ווערן.

כּדי צו לעשן זיין ווילדע תּאווה, פלעגט ער זיך נישט אָפּשטעלן פאַר קיין שום נידערטרעכטיקייט. איינמאָל האָט ער זיך געפונען בא מיר אין צימער; ער איז געווען זייער באַאומרויקט. איך האָב מיך נאָר וואָס געהאַט צוריקגעקערט פון מיין אַמט און זיך געוואַשן. אויפן בעט איז געלעגן מיין ראָק און דער וועסט. אין וועסט האָט זיך געפונען אַ זילבערן זייגערל, אַ קליין זילבערן זייגערל, וואָס איז מיר איבערגעבליבן אַלס אָנדענקונג פון מיין פאַר־שטאָרבענעם פאָטער. איך בין געשטאַנען אונטער אַ פאָר־האַנג און מיך געוואַשן. איך האָב דערהערט, ווי באַ־טיסטאָ באַוועגט זיך אין צימער אויף אַן אויסער־געוויינטלעכן אופן. איך האָב אים אַ פרעג געטון:

— וואָס טוט איר?

ער האָט געענטפערט צו שנעל מיט אַ געענדערטער שטימע:

— גאָרנישט.

— וואָס דען?

ער איז שנעל אַפּער פון אונטער דער פאָרהאַנג

און שטאַרק געציטערט.

איך האָב מיך אָנגעטון און מיר זיינען ביידע אַרויס־געגאַנגען. ביים אַראָפּגאַנג פון די טרעפּ האָב איך אָנגעהויבן צו זוכן אין די קעשענעס מיין זייגערל, אַ קוק צו טון ווי שפּעט ס'איז. איך האָב עס נישט געפונען.

— אכציק רוחות! איך האָב דאָך איבערגעלאָזט דאָס זייגערל אין צימער. איך מוז מיך אומקערן. וואַרט מיך דאָ צו. איך קום באַלד צוריק.

איך בין באַלד אַריין אין צימער, אָנגעצונדן אַ ליכט. איך האָב עס געזוכט אומעטום, נאָר אומזיסט; איך האָב עס נישט געפונען. נאָך עטלעכע מינוט פון אומזיסטן אַרומזוכן, האָב איך דערהערט פון אונטן די שטימע פון באַטיסטאָן, וועלכער האָט געפרעגט:

— נו? וואָס? האָסט עס געפונען?

ער איז אַרויפגעקומען, זיך פאַרהאַלטן בײַ דער שוועל, וואַקלענדיק זיך אַ ביסל.

— ניין. אַ מאָדנע זאַך. דאָך דאכט זיך מיר, אַז איך האָב עס געהאַט אין קעשענע. איר האָט עס נישט געזען?

— ניין, איך האָב עס נישט געזען.

— באַשטימט נישט?

— ניין, איך האָב עס נישט געזען.

עס איז מיר איינגעפאַלן אַ חשד. באַטיסטאָ איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל, מיט די הענט אין די קע־שענעס. איך האָב אָנגעהויבן זוכן מיט אומגעדולד, כמעט ווי מיט כעס.

— עס קען נישט זיין, איך זאָל עס האָבן פאַרלוירן. איך געדענק גוט, אַז פאַר מיין אויסטון־זיך האָב איך עס נאָך געהאַט. עס דאַרף דאָ זיין; עס מוז זיך גע־פינען

באַטיסטאָ איז ענדלעך, ווי אויפגעוועקט געוואָרן. איך האָב מיך אויסגעדרייט. איך האָב גלייך איבער־געליינט דעם שאַנד־טאַט אויף זיין פּנים. איך האָב איה דערפילט מיטן האַרץ.

ער האָט אַ מורמל געטון אין פאַרלעגנהייט:

— דאָ דאַרף עס זיין; דאָ דאַרפט איר עס געפינען.

ער האָט גענומען דאָס ליכט אין דער האַנט אַריין, זיך איינגעבויגן און אָנגעהויבן זוכן אַרום דעם בעט, זיך געשטעלט אויף די קני, זיך געטרייסלט; עטלעכע מאָל אויפגעהויבן די קאָלדרעס, געקוקט אונטערן בעט.

ער האָט זיך געדרייט אַהין און אַהער; דאָס ליכט האָט אַ אָפּגעשמאָלצן אויף זיין האַנט.

די דאָזיקע קאָמעדיע האָט מיך אויפגערעגט. איך האָב אַ געשריי געטון מיט כּעס:

— גענוג! הייבט זיך אויף; באַמיט זיך נישט אַזוי פיל. אויב איך דאַרף זוכן, ווייס איך שוין וווּ מען דאַרף זוכן...

ער האָט אַוועקגעשטעלט דאָס ליכט אויף דער פּאָדלאָגע און אזוי, איינגעבויגענערהייט, געבליבן שטיין אויף די קני, ציטערנדיק, פּונקט ווי איינער, וואָס האַלט זיך באַ מודה זיין. אָבער ער האָט עס נישט געטון ער האָט עס נישט געטון. ער האָט זיך מיט גרויס מי אויפגעהויבן און גאָרנישט גערעדט. איך האָב נאָך אַמאָל איבערגעלייגט די גנבה אויף זיין פּנים איך האָב געפילט ווי עס שטעכט מיך, ווי מיט נאָדלען. איך האָב געטראַכט: „ער האָט געוויס דאָס זייגערל אין קעשענע. מען דאַרף אים צווינגען זיך מודה צו זיין, אומקערן די גנבה און בעטן אַנטשולדיקונג. איך מוז אים זען ווייגען" איך האָב אָבער קיין מוט נישט געהאַט. איך האָב געזאָגט:

— לאָמיר גייז

מיר זיינען אַרויסגעגאַנגען. אויף די טרעפּ איז מיר דער אָפּטוער פון דער דאָזיקער געמיינער זאַך, מיט די שפּיץ פינגער, מיט אַן אַראָפּגעלאָזטער נאָז, נאָכגעגאַנגען. וואָס פאַר אַ רחמנות!

ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אויף דער גאַס האָט ער מיך געפרעגט מיט אַן איינגעהאַלטענער שטימע:

— אפשר מיינסטו, אַז איך האָב עס דיר צוגענומען?

— ניין, ניין — האָב איך געענטפערט — לאָמיר בעסער דערפון נישט רעדן.

דערנאָך האָב איך צוגעגעב:

— איך האָב צרות דערפון, ווייל דאָס איז מיר איבערגעבליבן אַלס אָנדענק פון מיין פאַרשטאָרבענעם פאָטער.

איך האָב באַמערקט אין זיין אַ שוואַכע אונטערגעדריקטע באַוועגונג, פונקט ווי ער וואָלט זיך געקליבן עפּעס ארויסצושלעפּן פון קעשענע. אָבער ער האָט דאָס נישט געטון. מיר זיינען אַוועק ווייטער.

אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער האַסטיק אַ זאָג געטון:

— אפשר ווילסטו מיך באַזוכן?

— ניין, ניין. לאָמיר מער נישט רעדן. צום ווידערזען. אַצינד מוז איך אייך פאַרלאָזן, ווייל איך

האָב עטלעכע זאַכן צו ערליידיקן היינטיקן אָוונט.

און מער נישט קוקנדיק אויף אים, האָב איך אים פאַרלאָזט.

עטלעכע טעג האָב איך אים נישט געזען. אויפן פינפטן טאָג, אין אָוונט, איז ער צו מיר ווידער געקומען. איך האָב אָנגענומען אַן ערנסטן טאָן:

— אַך, דאָס זענט איר?

און איך האָב מיך ווידער גענומען שרייבן די עטלעכע פּאַפּירן פון מיין ביוראָ. נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן האָט ער נאָך געהאַט די העזה מיך צו פרעגן

— האָסט עס געפונען?

איך האָב מיך געמאַכט, ווי איך לאַך, און ווייטער געשריבן. נאָך זייער אַ לאַנגען שטילשווייגן האָט ער צוגעגעבן.

— איך האָב עס נישט גענומען.

— יאָ, יאָ, זייער גוט; איך ווייס דאָס. איר רעכנט נאָך?

זעענדיק, אַז איך בלייב זיצן באַם טיש, האָט ער נאָך אַ צווייטער פויזע ווידער אַ זאָג געטון:

— אַ גוטע נאַכט!

— אַ גוטע נאַכט, אַ גוטע נאַכט!

איך האָב אים געלאָזט גיין; איך האָב אים נישט פאַרהאַלטן. איך האָב אָבער חרטה געהאט; איך האָב חשק געהאַט אים צוריקצורופן. עס איז שוין צו שפּעט געווען; ער איז שוין געווען ווייט.

דריי אָדער פיר טעג האָט ער זיך ווידער נישט געוויזן. איינמאָל ווען איך האָב מיך צוריקגעקערט שפּעט אהיים, נאָך האַלבער נאַכט, האָב איך אים באַמערקט שטיין לעבן אַ לאַמטער. עס האָט גערעגנט.

— אַך, דאָס זענט איר? וואָס טוט איר דאָ אזוי שפּעט!

ער האָט נישט געקענט איינשטיין אויף די פיס; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז ער איז שיכּור. אָבער ווען איך האָב אים גוט באַטראַכט האָב איך דערזען זיין שרעקלעכן צושטאַנד: פון קאָפּ ביז די פיס איז ער געווען אויסגעשמירט אין בלאָטע, פּונקט ווי פון אַ מיסט-קאַסטן אַרויס. זיין פּנים איז געווען גרין און געל.

— וואָס איז געשען מיט אייך? זאָגט.

ער האָט זיך צעוויינט מיט ביטערע טרערן, דערנאָך האָט ער מיך אָנגעכאַפּט, פּונקט ווי ער וואָלט מיר געוואָלט אַריינפאַלן אין די אָרעמס אַריין. שטייענדיק אַזוי נאָנט לעבן מיר, האָט ער מיר געפּרופט עפּעס

דערציילט, נאָר די שלוכצן האָבן אים אַזוי געשטיקט און די טרערן זיינען אים אַזוי גערונען פון די אויגן, אַז ער האָט גאָרנישט געקענט רעדן.

אַך, מיין פריינט, אונטער אַ לאַמטער אויף אַ פליי־רעגן, וואָס פאַר אַ שרעקלעכע זאַך! ווי שרעקלעך זיינען די שלוכצן פון אַ מענטש, וועלכער האָט שוין דריי טעג נישט געגעסן!

צי ווייסט איר וואָס עס הייסט אַזוינס הונגער? צי איז אייך שוין אויסגעקומען צו זען אַמאָל אַ מענטש, וועל־כער איז טויט־הונגעריק, וועלכער זיצט באַם טיש, פּאַקט אין מויל אַריין, דאָ אַ שטיקל ברויט׳ דאָ אַ שטיקל פליי‍ש און קייט באַלד דעם ערשטן ביסן מיט זיינע שוואַכע ציין, וועלכע וואַקלען זיך אים שוין אין די דזשאָסלעס? צי האָט איר דאָס געזען אַמאָל? צו האָט אייער האַרץ נישט געפּלאַצט אין אייך פאַר טרויער און רחמ.ות?

געבוג! איך וויל אייך שוין מער נישט רעדן פון דעם דאָזיקן אומגליקלעכן. איך האָב מיך וועגן אים צופיל צערעדט; איך האַב פאַרגעסן וועגן דעם איבע־

ריקאָ: איך ווייס נישט פאַרוואָס, אָבער דער אמת איז, אַז דער דאָזיקער אומגליקלעכער איז געווען דער איינציקער גוטער פריינט מיינער און איך בין געווען דער איינציקער פריינט אין זיין לעבן. איך האָב אים געזען וויינענדיק און ער האָט מיך געזען וויינענדיק נישט איינמאָל. אונדזערע אומגליקן זיינען געוואָרן געמיינזאַמע, מיר האָבן ביידע געהאַט געמיינזאַמע ליידן, מיר האָבן ביידע געליטן פון דער זעלבער אומגערעכטיקייט, מיר האָבן ביידע באַזאַמען געטראָגן די זעלבע שאַנד אויף זיך.

ניין, ער איז נישט געווען דזשינעוראַס פאָטער, ניין, נישט זיין בלוט האָט געפלאָסן אין די אָדערן פון דעם דאָזיקן באַשעפעניש, וואָס האָט מיר אַזוי פיל יסורים פאַרשאַפט.

איך פלעג תמיד קלערן מיט אַן אומרויקער נייגעריקייט וועגן איר אמתן פאָטער, וועגן דעם אומבאַקאַנטן: איך האָב געוואָלט פאַר אים אַ נאָמען געפינען. ווער האָט ער געקענט זיין? געוויס נישט עפּעס אַ ליאַדע ווער דאָרט פון פּראָסטן פאָלק. זי האָט געהאַט אין זיך אַ מין פיזישע פיינקייט, אָנגעבוירענע עלעגאַנטע באַוועגונגען, אַ מין קאָמפּליצירטע פאַלשקייט; און דערנאָך דער אינסטינקט פון תאווה, דער

לײכטער עקל, דער באַזונדערער אַרט פון פאַרשעמען און באַלײדיקן יענעם מיט אַ שמײכל אויף די ליפּן: דאָס אַלץ װײזט בולט אָן אויף איר אַריסטאָקראַטישער אָפּשטאַמונג, װער איז אָבער דאָך געװען איר פאָטער? מסתּם עפּעס אַן אויסגעדאַרטער זקן, װי דער מאַרקיז אַגוטי? אָדער אפשר גאָר אַ גײסטלעכער, אײנער פון די גאַלאַנטע קאַרדינאַלן, װעלכע פאַרזײען קינדער, װי זאַמד און ערד אין אַלע הײזער פון רוים?

װעגן דעם האָב איך תּמיד געקלערט. און צײטנװײז, פלעגט אַפילו אויפשטײן אין מײנע רעיונות אַ פיגור פון אַ מענטש, נישט קײן נעפּלהאַפטע, אָדער אַן אומדײטלעכע פיגור, נאָר פאַרקערט: אַ באַשטימטע פיגור, מיט אַ באַזונדערער פיזאָנאָמיע, מיט באַזונדערע אויסדריקן, װעלכער לעבט אַן אויסערגעװײנטלעך, אינטענסיװ לעבן.

דזשינעװראַ האָט מסתּם געװוּסט, אָדער װײניקסטנס געפילט, װאָס פאַר אַ געמײנזאַמס זי האָט מיט דעם בלוט פון איר מוטערס מאַן? און פאַקטיש, איך האָב קײנמאָל נישט געקענט דערכאַפּן אין אירע אויגן קײן פיצל ליבע, אָדער רחמנות צו דעם דאָזיקן אומגליקלעכן מענטש.

פאַרקערט, װען אירע אויגן פלעגן געװענדט זײן

אויף דעם אומגליקלעכן מענטש, פלעגט פון זיי אַרויס־שיינען פאַראַכטונג, אויך אַפילו פאַרביטערטע שנאה.

אַך, אירע אויגן! זיי האָבן אַלץ אויסגעזאָגט; זיי האָבן צו פיל זאַכן אַרויסגערעדט מיט איין מאָל, צו פיל פאַרשיידענע זאַכן; זיי האָבן מיך פון ווע. אַראָפּ־געפירט. אירע אויגן זיינען געווען קאַלטע שטיקער שטאָל, אַן אומדורכדרינגלעכע שטאָלענע וואַנט. טייל־מאָל פלעגן זיך אירע אויגן פלוצלינק באַדעקן מיט אַ בלאַסן פאַרהאַנג און אָנווערן זייער גאַנצן גלאַנץ. צי האָט איר, מיין פריינט, באַמערקט אַמאָל אַ מעסער־קלינג, פון וועלכער עס קריכט פלוצלינג אַראָפּ דער גלאַנץ...

אָבער ניין, איך קען אייך נישט דערציילן פון מיין ליבע; איך קען אייך קיין וואָרט נישט רעדן פון מיין ליבע. קיינער ווייסט נישט, ווי איך האָב זי ליב גע־האַט; קיינער נישט. אַפילו זי האָט דערפון אויך נישט געוווסט, זי האָט דערפון נישט געוווסט. איך אָבער ווייס, אַז זי האָט מיך נישט ליב געהאַט. אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט זי מיך אַפילו קיין איין טאָג נישט ליב געהאַט; וואָס רעד איך: קיין שעה נישט, קיין רגע נישט ליב געהאַט.

איך האָב דאָס געוווסט פון דער ערשטער מינוט אָן,

איך האָב דאָס געוווּסט פון ערשטן בליק, וואָס זי האָט אויף מיר געוואָרפן מיט אירע פארשלייערטע אויגן. דאָך בין איך נישט אַנטוישט געוואָרן. מיינע ליפּן האָבן קיינמאָל נישט געוואַגט צו שטעלן איר די צערטלעכע פראַגע, וועלכע ווערט טויזנטער מאָל איבער־געפרעגט דורך אלע געליבטע: „צי האָסטו מיך גוט ליב?“ איך דערמאַן מיך ווי איינמאָל, שטייענדיק אַזוי זייער נאָענט לעבן איר, איז מיך מיטאַמאָל באַפאַלן א שרעקלעכע תאוה, און איך האָב אַזוי אין מיר גע־טראַכט: אָך, ווען איך וואָלט איר געקענט אַ קוש טון אין פּנים אַריין, און זי זאָל גאָר דעם קוש נישט באַ־מערקן!

ניין, ניין: איך קען אייך נישט דערציילן מיין ליבע. איך וויל אייך נאָר דערציילן פאַקטן, קליינע קאָמישע פאַקטן, קלייניקייטן און פאַרשיידענע חרפּות, וואָס מיר איז אויסגעקומען איבערצוליידן.

מיר האָבן באַשטימט דעם טאָג פון אונדזער חתונה. דזשינעווראַ איז נאָך פאַרבליבן אין טיוואָלי אויף עט־לעכע וואָכן; איך פלעג זייער אָפט קומען אין טיוואָלי מיטן טראַמוויי, און דאָרט פלעג איך פאַרבלייבן אַ פּאָר שעה, אָדער אַ האַלבן טאָג איך בין זייער צופרידן,

געוועזן, וואָס זי האָט זיך געפונען ווייט פון רוים. איך האָב תמיד אָנגעווענדט אַלע מיטלען, אַז מיינע חברים פון ביוראָ זאָלן זיך נישט דערוויסן פון מיין סוד. איך פלעג באַניצן אַלע פאַרשיידנסטע פאָרזיכטיקייטן, פאַר־שיידנסטע תירוצים, איך פלעג אויסקלערן פאַרשיידע־נע ליגנס, כדי צו באַהאַלטן דאָס, וואָס איך טו, וואָס איך האָב געטון און וואָס איך וועל טאָן. איך פלעג אויסמיידן מיין אַלע פרי־ערדיקע ערטער; אויף יעדער פראַגע, פלעג איך באַלד געפינען אַ תירוץ; און אויב איך פלעג באַמערקן פונדערווייטנס עפּעס עמיצן פון מיינע באַקאַנטע, פלעג איך מיך גלייך ראַטעווען מיט אַריינלויפן ערגיץ אין אַן ערשטן בעסטן געשעפט אַריין, אין ערשטן בעסטן הויף, אָדער גאָר פאַרקערווען אין אַ צווייטער גאַס אַריין.

עס האָט זיך אָבער איינמאָל געטראָפן אַזוי, אַז איך האָב בשום אופן נישט געקענט אַנטרינען ווערן פון פיליפּאָפּאָ דאָבערטי. ער איז צו מיר צוגעקומען, מיך אָפּגעשטעלט, און נאָך בעסער געזאָגט, ער האָט זיך פשוט צוגעטשעפּעט צו מיר.

— אַך, עפּיסקאָפּאָ! שוין אַזאַ לאַנגע צייט אַריבער, זינט מיר האָבן זיך נישט געזען! וואָס האָסטו געטון די גאַנצע צייט? ביסטו נישט אַמאָל קראַנק געווען?

עס איז מיר נישט געלונגען צו באַזיגן און באַהאַלטן מיין אומגעלומפּערטע באַוועגונג, מיין גייסט-צושטאַנד, און איך האָב אים גלייך געענטפערט:

— יאָ, איך בין קראַנק געוועזן.

— יאָ, מען זעט דאָס אָן. דו ביסט גרין און געל געוואָרן. אָבער אַצינד, ווי גייט עס דיר? ווו עסט דו מיטאָגן? ווו פאַרברענגסטו דעם גאַנצן אָוונט?

איך האָב דערפונדן אַ נייע ליגנט און זיך באַמיט נישט צו קוקן אים אין פּנים אַריין.

— נעכטן אין אָוונט האָט מען גערעדט פון דיר — האָט ער אַ זאָג געטון. דאָס האָט עפּראַטי דערציילט, אַז ער האָט דיך באַגעגנט אויף אַלעסאַנדרינאַ גאַס האַנט-באַ-האַנט מיט אַ שיכּורן.

— מיט אַ שיכּורן? — האָב איך מיך כלומרשט געוווּנדערט. — עס האָט זיך אים אוודאי געחלומט.

דאָבערטי האָט זיך שטאַרק צעלאַכט.

— אַך, אַך, אַך, פּאַרוואָס-זשע ביסטו רויט געוואָרן? נישטאָ וואָס צו רעדן, שיינע חברים זוכסטו דיר שטענדיק צו, אַגב, יאָ, זאָג נאָר: צי ווייסטו שוין דאָס לעצטע נייעס וועגן וואַנצערן?

— ניין, איך ווייס גאָרנישט.

— ווי איז דאָס מעגלעך! צי ווייסטו דען נישט אַז ער געפינט זיך אין בוענאָס-איירעס?

— ניין, איך האָב קיין אַנונג נישט.

— אַך, אומגליקלעכער עפּיסקאָפּאָ! נו, זיי געזונט; איך גיי אַוועק. דו דאַרפסט דיך היילן. מיר וועלן זיך אין גיכן ווידער טרעפן. אַדיע.

ער האָט זיך אַריינגעדרייט אין אַן אַנדערער גאַס אַריין און פאַרשוואונדן געוואָרן. מיך האָט ער איבער-געלאָזט מיט אַזאַ אויפרעגונג אין האַרץ, אַז איך האָב מיך בשום אופן נישט געקענט באַהערשן. אַלע ווערטער פון יענעם שוין ווייטן אָוונט, ווען ער האָט גערעדט אין נאָמען פון דזשינעווראַ, האָבן אַצינד ווידער אויפ-געלעבט אין מיינע זכרונות. עס זיינען אויפגעשטאַנען אין מיין זכרון נאָך אַ סך אַנדערע ווערטער: פרעכע און ברוטאַלע. פאַר מיינע אויגן איז ווידער דערשינען דאָס באַלויכטענע צימער מיט גאַז, דער לאַנגער טיש, אַרום וועלכן עס זיינען געזעסן די אָנגעפרעסענע, אָנגעשיכורטע מענטשן, פון וועמענס מיילער עס האָבן זיך כּסדר געשיט די געמיינסטע ווערטער. איך האָב ווידער געהערט דעם טומל, דאָס הויכע געלעכטער, דערנאָך מיין נאָמען, וואָס ווערט אָנגערופן דורך וואַנ-צערן און אונטערגעכאַפּט פון אַנדערע. נאָך ביז היינט

קליגנט אין מיינע אוירן דער שרעקלעכער מאָטאָ: „פירמע עפּיסקאָפּאָ עט קאָמפּאַניע", און איך האָב מיך פאַרטראַכט וועגן דעם, ווי אַזוי אַזאַ שרעקלעכע זאַך האָט גאָר געקענט פאָרקומען...

פאָרקומען! פאָרקומען! — צי איז גאָר מעגלעך אזאַ געמיינהייט? צי איז גאָר מעגלעך, אַז אַ מענטש, וואָס איז גאָרנישט אַזאַ נאַר, אַזאַ שלימזלניק און גאָרנישט אַזאַ צעדרייטער, זאָל זיך לאָזן אַריינציען אין אַזאַ מין שענדלעכער געשיכטע?

דזשינעווראַ איז צוריקגעקומען קיין רוים. דער טאָג פון דער חתונה איז באַשטימט געוואָרן.

מיר זיינען אַרומגעפאָרן אין אַ דראָשקע מיט שוויגער, און זיך באַמיט צו געפינען ערגעץ אַ קליינעם לאָקאַל, צו קויפן אַ חתונה־בעט און אַנדערע געוויינטלעכע הויז מכשירים, וואָס מען מוז גלייך האָבן. איך האָב אַרויסגענומען פון דער באַנק אַ סומע פון פיפצען טויזנט ליר; — מיין גאַנץ פאַרמעגן, וואָס איז מיר ירושה פאַרבליבן.

יאָ, מיר זיינען אַרומגעפאָרן אין אַ דראָשקע איבער גאַנץ רוים. אונדזער רייזע איז געווען אַ טריומף־רייזע. איך בין געזעסן, אַן איינגעבויגענער, אויפן קליינעם בענקעלע און ביידע פרויען זיינען געזעסן קעגן מיר,

מיט זייערע קני קעגן מיינע קני. ווער ס'האָט זיי אַלץ נישט באַגעגנט? ווער ס'האָט זיי אַלץ געקענט? נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב געהאַלטן דעם קאָפּ איינגעבויגן, האָב איך נישט איינמאָל געכאַפּט אַ בליק מיטן אויג. איך האָב געזען, ווי מען האָט אויפן טראָטואַר אָנגעוויזן אויף אונדז.

דזשינעוורא איז מלא שמחה געווען. זי האָט זיך געהויבן, געדרייט אויפן געזעס און יעדעס מאָל אויסגערופן:

— זע נאָר, קוועסטאָרי! זע נאָר, מיקעל! קוק נאָר, פּאַלומבאָ מיט דאָבערטין!

די ידיעה האָט זיך אומעטום פאַרשפּרייט. פאַר מיינע אַלע חברים פון ביוראָ און אַזוי אַלטע באַקאַנטע איז דאָס געווען אַ שטאָף צום לאַכן אָן אויפהער. אין אַלעמענס אויגן האָב איך געזען בליקן פון איראָניע, בליקן פון בייזן שפּאַס, און טיילמאָל אַ מין באַליידיקונגס־מיטלייד. קיינער האָט מיר נישט געזשאַלעוועט קיין שטאָך צו טון; איך פלעג מיך אין אַזעלכע פאַלן מאַכן, ווי איך טו עפּעס, און פלעג שמייכלען מיט דער זעלבער מינע אויפן פּנים, פּונקט ווי אַן אויטאָמאַטישע מאַשין. וואָס דען האָב איך געדאַרפט אַנדערש טון? זיך באַליידיקן? אין כעס ווערן? אַרויס פון די כלים?

דערלאַנגען עמעצן אַ פּאַטש אין פּנים אַריין? אויפֿהייבן אַ שטול? אַרויסרופֿן אויף אַ דועל?

מיין פריינט, צי וואָלט דאָס נישט געווען פיל קאָמישער און נאַרישער?

איינמאָל האָבן אין ביוראָ צוויי יונגען, וואָס האָבן ליב געהאַט צו שפּאַסן, אָנגעהויבן אַ דיאַלאָג צווישן זיך. דער דיאַלאָג איז פאָרגעקומען כּלומרשט צווישן אַ ריכטער און דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאָ. אויף דער פראַגע פון ריכטער: „פון וואָס פאַר אַ פּראָפעסיע?“, האָט דזשאָוואַני עפּיסקאָפּאָ געענטפערט: „אַ מענטש, וואָס האָט נישט קיין חרפה און קיין בושה“.

אַן אַנדערט מאָל האָב איך דערהערט אַזעלכע ווערטער:

— ער האָט קיין טראָפּן בלוט נישט אין זיך; אין זיינע אָדערן פליסט נישט קיין טראָפּן בלוט דאָס ביסל בלוט, וואָס ער האָט יאָ אַמאָל געהאַט, האָט אים דזשוליאָ וואַנצער פון קאָפּ אַרויסגעקלאַפּט, בשעת ער, האָט אים געטן גלאָז דערלאַנגט. מען זעט עס גלייך אַז עס איז אים קיין טראָפּן נישט געבליבן....

דאָס איז אמת, דאָס איז אמת.

אָבער ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו, וואָס איך האָב זיך פעסט באַשלאָסן אָנצושרייבן אַ בריוו צו דזשינעווראַן, אַז איך צי צוריק מיין צוזאָג? יאָ, יאָ: איך האָב אָנגעשריבן אַ בריוו צו דזשינעווראַן, אַז איך האָב חרטה אויפן גאַנצן עסק, און — אויס חתונה! אפשר ווילט איר מיר נישט גלייבן? איך האָב דאָס אָנגעשריבן מיט דער זעלבער האַנט! און איך האָב דעם בריוו אַליין אויף דער פּאָסט אַוועקגעטראָגן.

עס איז געווען אָוונטצייט; איך דערמאַן מיך נאָך גוט. עטלעכע מאָל בין צוגעקומען צו דער פּאָסט מיט אַ האַרץ-קלאַפּעניש, פּונקט ווי איינער, וואָס אָט-אָט נעמט ער זיך דאָס לעבן. צום סוף האָב איך מיך אָפּגעשטעלט און דאָך דעם בריוו אין קעסטל אריינגעוואָרפן. אין אָנהייב האָבן מיר זיך די פינגער נישט געעפנט. צי בין איך אַזוי לאַנג געשטאַנען אין דער דאָזיקער פּאָזע? איך ווייס נישט. אַ פּאָליציאַנט איז צו מיר צוגעקומען, מיך אַ ריר געטאָן בײַ דער פּלייצע און געפרעגט:

— וואָס טוט איר?

איך האָב צעעפנט די פינגער און אַראָפּגעלאָזט דעם בריוו.

און שטייענדיק אזוי לעבן פּאָליציאַנט, האָב איך נישט געקענט קומען צו זיך!

— איך האָב גערעדט צו מיר מיט אַ וויינענדיקן קול — וואָס וואָלט איך נישט אַוועקגעגעבן דעם בריוו צוריק אַרויסצוקריגן?

און די נאַכט, די ליידן פון דער נאַכט. און אַ פּרי־מאָרגן שפּעטער, דער באַזוך אין דעם נייעם הויז; דאָס הויז, וואָס האָט געדאַרפט אויפנעמען דאָס יונגע פּאָרפאָלק איז מיט אַמאָל אומנוצלעך געוואָרן, געוואָרן אַ טויט הויז! אָך יענע זון, יענע זונען־שטראַלן; אָך יענע ברענענדיקע זונען־שטראַלן, וועלכע האָבן באַלויכטן און געוואַרעמט די אַלע נייע, נאָך נישט אָנגע־רירטע זאַכן, פון וועלכע עס האָט זיך נאָך געטראָגן, דער פרישער, און דער־רעגלעכער מאַגאַזין־ריח!..

אַרויסגייענדיק פינף אַ זייגער בײַ טאָג פון ביוראָ, האָב איך באַגעגנט אויף דער גאַס באַטיסטאָן, וועלכער האָט מיר געזאָגט:

— מען וויל דיך שוין זען בײַ אונדז אין שטוב.

מיר זיינען אַוועק. איך האָב מיך געטרייסלט, פּונקט ווי אַ געכאַפּטער פאַרברעכער. כדי זיך אַ ביסל צו־צוגרייטן, האָב איך אים אַ פרעג געטון:

— וואָס דאַרפן זיי מיך?

באַטיסטאָ האָט פון גאָרנישט געוואוסט. ער האָט אַ הייב געטון מיט די פּלייצעס. ווען מיר זיינען צוגעקומען צו דער טיר, האָט ער מיך פאַרלאָזט. טריט־באַ־טריט האָב איך מיך אַרויפגעהויבן אויף די טרעפּ; איך האָב חרטה געהאַט, וואָס איך האָב אים געפאָלגט. איך האָב נישט מיט קיין נאַרישער שרעק געטראַכט וועגן דער שוויגערס הענט, וועגן אירע שוידערהאַפטע הענט. און ווען איך האָב אויפגעהויבן די אויגן און דערזען, אַז די טיר איז אָפן און די שוויגער שטייט אויף דער שוועל און איז שוין גרייט זיך אַ וואָרף צו טון אויף מיר, האָב איך אַ זאָג געטון:

— דאָס איז געווען אַ שפּאַס; דאָס איז געווען נישט מער ווי א שפּאס.

און אויף אַ וואָך אַרום איז אָפּגעלייגט געוואָרן די חופּה. מיינע עדות זיינען געווען עפּראַטי און פיליפּאָפּאָ־לאָבערטי.

דזשינעווראַ און די מוטער האָבן פאַרלאַנגט פון מיר איך זאָל איינלאַדן אויף אַ מיטאָג די גרעסטע צאָל פון מיינע חברים, כדי אַזוי אַרום צו פאַרבלענדן די אויגן דעם פּראָסטן עולם פון מאָנטאַנאַראַ גאַס און איר אומגעגנט. עס דאַכט זיך מיר, אַז אַלע מיינע באַקאַנטע פון פּענסיאָן זיינען געווען.

אצינד געדענק איך שוין זייער שוואַך די גאַנצע צערמאָניע, דעם גאנצן יום־טוב, דעם גאַנצן עולם, אַלע שטימען און דעם גאַנצן טומל. מיר האָט זיך נאָר געדאַכט, אז די לופט באַם טיש איז אָנגעברענט פון די אומריינע אָטעמס. — דזשינעוורוואַס פנים האָט געברענט און די אויגן אירע האָבן אומגעווײנטלעך געגלאַנצט. נישט נאָר אירע, נאָר אויך אַנדערע אויגן האָבן ארום טיש געשיינט און די פנימער האָבן זיך געררייטלט פון געלעכטער.

די ערינערונגען פון יענעם אָוונט זייבען, פונקט ווי די זכרונות פון אַ שווערן טרויער, וואָס דריקן מיך שטענדיק, וואָס באַשווערן און פאַרטעמפּן מיין געוויסן. און איך דערמאַן מיך, ווי אין מיטן טיש, ווייט, ווייט אין מיטן, אויף אַן אומגלייבלעכער ווייטקייט, איז געזעסן דער אומגליקלעכער באַטיסטאָ, וועלכער טרינקט, טרינקט, טרינקט.......

כאָטש איין וואָך! איך זאָג שוין נישט אַ יאָר, אָדער אַ חודש; נאָר איין איינציקע וואָך: כאָטש די ערשטע וואָך! — ניין גאָרנישט; אָן רחמנות. זי האָט אַפילו קיין טאָג נישט געוואַרט; זי האָט אָנגעהויבן גלייך; באַלד אין דער ערשטער נאַכט נאָך דער חתונה האָט זי אַרויסגעוויזן ווער זי איז.

ווען איך וואָלט אַפילו געלעבט אַ גאַנץ יאָר־הונ־דערט, וואָלט איך נישט געקענט פאַרגעסן יענעם אומדערוואַרטעטן אויסברוך פון געלעכטער, וועלכער האָט פונקט ווי מיט אַן עמער קאַלט וואסער מיך אָפּ־געגאָסן אין דער פינסטערניש פון צימער, וואָס האָט אַזוי אויסגעלאַכט מיין שרעקן זיך און מיין אומגע־שיקטקייט. אין דער פינסטער האָב איך נישט געזען איר פנים, נאָר אָן יענעם פרעכן, שפאָטישן, אומפאַר־שעמטן געלעכטער האָב איך צום ערשטן מאָל דער־פילט איר גאַנצע שלעכטקייט. איך האָב דערפילט, אַז זייט־בא־זייט מיט מיר אָטעמט אַ מכשפה.

אָך, מיין פריינט, איר געלעכטער איז געווען אמתער סם־המוות.

קיין זאַך איז נישט אומשטאַנד געווען דאָס האַרץ אירס ווייכער צו מאַכן: נישט מיין באַכגעביקייט, נישט מיין פאַרערונג, נישט מיין וויטאָק און נישט מיין געוויין; קיין זאַך נישט. איך האָב אָנגעווענדט אַלע מיטלען איר האַרץ צו רירן, אָבער עס האָט נישט געהאָלפן. צייטנווייז האָט זי מיך אויסגעהערט מיט אַן ערנסטן פנים, מיט אָנגעשטרענגטע אויגן, פונקט ווי זי וואָלט מיך גוט פאַרשטאַנען; אָבער פלוצלינג פלעגט זי אָנהייבן לאַכן מיט יענעם שרעקלעכן, אומפּעטשלעכן

געלעכטער, אַז עס פּלעגן איר גלאַנצן מער די ציין ווי די אויגן. זי האָט פון מיר אַ תל געמאַכט...

ניין, ניין עס איז אוממעגלעך. דערלויבט מיר, מיין פריינט, איך וועל בעסער שווייגן; איך וועל בעסער רעדן פון עפּעס אַנדערש. איך קען אייך נישט דער-ציילן פון איר. עס איז, פּונקט ווי איר וואָלט מיך געצווונגען איבערצוקייען אַ ביטערע זאַך, אַ שרעקלעך ביטערע זאַך, אַן אומדערטרעגלעכע זאַך. צי זעט איר דען נישט, אַז דאָס מויל קרימט זיך מיר, ווען איך רעד?

דאָס איז געווען אין אַן אָוונט, אַ צוויי חדשים נאָך דער חתונה: עס איז איר פּלוצלינג נישט גוט געוואָרן. דאָס איז געווען אַ מין חלשות... איר ווייסט: — די געוויינטלעכע סצענע... און איך, וועלכער האָב, ציטערנ-דיק שטילערהייט, געוואַרט אויף דער דאָזיקער אַנט-פּלעקונג, אויף די דאָזיקע סימנים, אויף דער דאָזיקער דערפילונג פון מיין העכסטן ווונטש, אויף דער דאָ-זיקער אומענדלעכער פרייד אין מיטן פון אַלע מיינע יסורים — בין איך אַ פּאַל געטון אויף די קני, פּונקט ווי פאַר אַ גרויסן נס. — צי איז דאָס אמת? צי איז דאָס אמת געווען?

— יאָ, זי האָט דאָס מיר געזאָגט, זי האָט דאָס מיר

פּאַרטרויט. זי האָט אין זיך געטראָגן אַ נײַ לעבן.

איר קענט דאָס נישט פאַרשטיין. אויב איר זענט אפילו אַ פאָטער, קענט איר אויך נישט פאַרשטיין די אויסערגעוויינטלעכע געפילן, וועלכע האָבן באַהערשט מיין גאַנץ אינערלעך וועזן. איר גייט נאָר אַריין אין דער לאַגע פון אַ מענטש, וועלכער האָט דורכגעליטן אזוי פיל, וואָס קיינער האָט קיינמאָל נישט געליטן, גייט נאָר אריין אין דער לאַגע פון אַ מענטש, אויף וועמען עס איז אויסגעגאָסן געוואָרן דאָס שלעכטס פון אַ סך מענטשן, גייט אַריין אין דער לאַגע פון אַזאַ מענטש, וועלכער איז קיינמאָל נישט געווען געליבט פון קיינעם און וועלכער טראָגט אַרום אין זיך אומער-שעפּלעכע אוצרות פון גוטסקייט און צערטלעכקייט. באַטראַכט נאָר, מיין פריינט, וואָס עס הייסט אַזוינס פאַר אַזאַ מענטש — האָפנונג... דאָס דערוואַרטן אַ קליין צערטלעך באַשעפעניש פון אייגן בלוט... איר פאַרשטייט? אַ קליין, איידל קינד, פון וועלכן מען קען געליבט ווערן... אַן אומענדלעך... איידל קינד, וואָס וועט אייך ליבן... איר פאַרשטייט?.. וואָס וועט אייך ליבן!

עס איז געווען סעפּטעמבער-צייט: איך דערמאַן מיך זייער גוט. דאָס איז געווען אין איינעם פון די רויקע,

פּורפּור-רויטע טעג — איר ווייסט דאָך גוט — ווען עס איז א ביסל טרויריק אויפן האַרץ, ווען דער זומער שטאַרבט אָפּ; איך האָב כסדר געהאַלטן אין איין קלערן וועגן אים: וועגן משיראָן; אָן אויפהער וועגן אים געקלערט.

דאָס איז געווען א זונטיקדיקער טאָג; מיר האָבן באַגעגנט דאָבערטין מיט קוועסטאָרן. זיי האָבן זיך זייער דערפרייט מיט דזשינעווראַן, זיי זיינען צוגעקומען צו אונדז, און מיר האָבן זיך ווייטער געלאָזט אויפן שפּאַציר. דזשינעווראַ מיט דאָבערטין זיינען געגאַנגען פאָרויס, און איך מיט קוועסטאָרן זיינען מיר געבליבן פון הינטן. ביי די, וואָס זיינען געגאַנגען פאָרויס האָבן מיר בײַ יעדן טריט אַ שטיק האַרץ אַרויסגעריסן. זיי האָבן געהאַלטן אין איין רעדן און אָן אויפהער געלאַכט, אַזוי, אַז דאָס גאַנצע פּובליקום האָט זיך אַלע מאָל אויסגעדרייט און געקוקט אויף זיי. נישט קוקנדיק אויף דעם, וואָס איך האָב אָנגעשטרענגט די אויערן, כאָטש אַ וואָרט צו דערהערן, דאָך איז מיר צוליב דעם אָרקעסטער, וואָס האָט געשפּילט, זייער שווער געווען עפּעס צו כאַפּן. צו מיינע אויערן זיינען דערגאַנגען אומקלאָרע פראַזן. מיינע ליידן האָבן זיך אַזוי דייטלעך

אויסגעדריקט אויף מיר, אז קוועסטארי האט א געשריי געטון צו דעם פארויסגייענדיקן פארל:

— רויק, רויק! גייט נישט אוועק צו ווייט. דזשיאָוואני איז שרעקלעך אייפערזיכטיק.

זיי האבן געלאכט און כסדר חוזק געמאכט פון מיר. דאבערטי און דזשינעווראַ האבן געהאַלטן אין איין גיין פאר יס, און אין גערויש פון מוזיק, וואס האט זיי פארשיכורט, האבן זיי נישט אויפגעהערט צו רעדן און צו לאַכן, בשעת איך האב מיך געפילט אומגליקלעך, און עס איז דערגאַנגען אַזוי ווייט, אז איך האב געהאַט גרויס חשק זיך אַראָפּצוּוואַרפן פון וואל, אויף וועלכן מיר זיינען געגאַנגען, כדי מיט איינמאָל פטור צו ווערן פון מיינע יסורים. אויך קוועסטאַרי איז פלוצלינג שטיל געבליבן. איך האב באמערקט די אויפמערקזאַמקייט, מיט וועלכער ער באַטראַכט דזשינעווראַן פון קאָפּ ביז די פיס, און די תאווה, וואס האט אים געמאַטערט. אַנדערע מענטשן, וועלכע זיינען פארבייגעגאַנגען, האבן זיך צו עטלעכע מאָל אומגעקוקט, געוואָרפן בליקן אויף איר, און תמיד האבן זייערע אויגן אויסגעדריקט די זעלביקע ווינטשן. תמיד, תמיד אַזוי; תמיד, ווען זי פלעגט דורכגיין צווישן מענטשן, איז פונקט ווי זי וואָלט דורכגעגאנגען א וועג פון אומ-

ריינקייט. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז די גאַנצע לופט אַרום און אַרום איז פאַרנומען געווען מיט דעם זעלביקן שמוץ; עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז אַלע פאַרלאַנגען די דאָזיקע פרוי, אַז אַלע קלערן, אַז עס איז זי זייער גרינג צו באַקומען, און אַז אַלע טראָגן אַרום אין זייערע מוחות דעם זעלביקן שמוציקן געדאַנק. די מוזיק האָט זיך געשטאַרקט און די כוואַליעס אירע האָבן זיך אָוועקגעטראָגן אַלץ ווייטער און ווייטער. די רעדער פון די קאַרעטעס האָבן אַרויסגערופן אין מיינע אויערן אַ גוואַלטיקן טומל. אָבער צווישן דעם גאַנצן גלאַנץ, אין דער גאַנצער בהלה, צווישן דעם גאַנצן עולם מענטשן, אין דעם גאַנצן מיש־מאַש איז פאַר מיר גענוג געווען אַ קוק צו טון אויף דער דאָזיקער פאָרויס־גייענדער פרוי, וועלכע האָט זיך ביסלעכווייז און אַזוי לייכט געלאָזט נעמען פון דעם מענטש, וועלכע איז אַלץ טיפער און טיפער געזונקען אין דעם דאָזיקן אַרומיקן שמוץ, אַז א צופלוס פון נייע יסורים האָט מיך אַרומגענומען. מיט דער העכסטער שפאַנונג און מיט די גרעסטע ליידן פון מיינע איידלסטע געפילן האָב איך אָנגעהויבן קלערן וועגן דעם קליינעם באַשעפעניש, וואָס האָט הערשט אָנגעהויבן לעבן, וועגן דעם נאָך דערווייל אומ־

פּאָרמיקן ווען, וואָס האָט אפּשר אין דעם מאָמענט טאַקע איבערגעטראָגן די קראַמפּן פון זיין מוטער־לייב, ווי ער האָט נאָר־וואָס אָנגעהויבן ציִען זיינע ערשטע אָטעם־צוגן...

גאָט מיינער, גאָט מיינער, וואָס פאַר א ווייטאָקן די דאָזיקע געדאַנקען האָבן מיר פאַרשאַפט! און ביז ער איז געבוירן געוואָרן — וויפל מאָל האָבן מיר די דאָזיקע געדאַנקען דאָס האַרץ צעריסן! איר פאַר־שטייט? דער געדאַנק פון פאַרשמוצונג... איר פאַר־שטייט? עס איז מיר נישט געגאַנגען אין איר אומ־טרייקייט, מיט וועלכער זי האָט מיך באַליידיקט, נאָר אין דעם כבוד פון מיין זון, וועלכער איז נאָך נישט געבוירן געוואָרן. עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז א טייל פון דער חרפה, פון דעם שמוץ האָט זיך־געוויס צוגעקלעבט צו אים, האָט אים געוויס פאַרפלעקט. איר פאַרשטייט אַצינד מיין שרעק?

איין טאָג האָב איך באַקומען אַן אויסערגעוויינטלעכן מוט. דאָס איז געווען אין א טאָג, ווען מיין פאַרדאַכט האָט קיין שום גרענעצן נישט געהאַט. דאַמאָלס האָב איך זיך נישט געקענט איינהאַלטן און גערעדט.

דזשינעווראַ איז געשטאַנען לעבן פענסטער. איך דערמאַן מיך גוט: ס'איז געווען דער יום־טוב פון

„אַלע הייליקע”; די גלאָקן האָבן געקלונגען; די ליכ־טיקע זונען־שטראַלן האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף די שויבן. אַך, די זון! זי איז, אָן ספק, די טרויריקסטע זאַך אויף דער וועלט. צי זענט איר נישט אויך אין דער זעלבער מיינונג? די זון האָט מיר פיל האַרץ־ווייטאָק פאַרשאַפט. מיט אַלע מיינע שמערצלעכע עריגנע־רונגען זייַנען פאַרבונדן די זונען שטראַלן; פּונקט ווי די זונען־פעדים, וואָס שלאָגן זיך אָפּ אויף די תכרי־כים פון אַ טויטן. בשעת איך בין נאָך אַ קינד געווען האָט מען מיך איינמאָל אויף עטלעכע מינוט אַרייַנגע־לאָזט אין צימער פון מייַנער אַ פאַרשטאָרבענער שוועס־טער, וועלכע איז געלעגן אויסגעצויגן אויפן בעט צווישן אַ סך בלומענקרענץ. איך געדענק נאָך ווי הייַנט יענץ בלייכע פנים, אויף וועלכן עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אַ הימל־בלויער שאָטן. צו דעם פנים איז ענלעך געווען דזשיאַנאָס אין די לעצטע מאָמענטן פון זיין לעבן...

אַך, וואָס רעד איך? אַך, יאָ, מיין שוועסטער איז געלעגן אויסגעצויגן אויף איר בעט, צווישן קראַנצן בלומען. זייער גוט; דאָ האָב איך מיך אָפּגעשטעלט, אָבער פאַרוואָס? לאָזט מיך אַ קלער טון אַ ביסל... אַך, יאָ: מיט גרויס שרעק האָב איך מיך דערנענטערט צום פענסטער; צום פענסטער, וואָס גייט אַרויס אין

הויף אַריין. דאָס הויז פון אַנטקעגנגיבער האָט אויס־געזען צו זיין פּוסט: מען האָט קיין מענטשלעכע שטימע נישט געהערט; ס'איז דאָרט געווען רויק, ווי אין אַן איי. אָבער אויפן דאַך האָבן גאַנצע כמאַרעס וואָראָבייטשיקעס געהאַלטן כסדר אין איין פּישטשען; ווייטער אונטערן דאַך, אונטער דער דאַך־רינע, אויף דער גרויער מויער, אין גרויען שאָטן, האָבן זיך מיט אַן אומגלייבלעכער אָנשטרענגונג טרויריק אָפּגעשלאָגן די געלע פעדים, די גלייכע לייכטנדיקע זונען־שטראַלן. איך האָב מיך פון אָרט נישט געקענט רירן, און פּונקט ווי אַ פאַרכשופטער געשטאַנען און באַטראַכט די געלע זונען־פעדים; און איך האָב געפילט אין מיר, איר פאַרשטייט?.. בשעת מיינע אויערן זיינען געווען אָנ־געפולט מיטן געזאַנג פון די פייגעלעך, האָב איך געפילט אין מיר די טויטע רויקייט פון צימער, אַזאַ מין קאַלטע רויקייט, וועלכע הערשט אַרום טויטע...

אַך, מיין פריינט, וויפל מאָל אין מיין לעבן איז מיר אויסגעקומען צו זען די טראַגישע זונען־שטראַלן! וויפל מאָל!

זייער גוט, וועגן וואָס האָב איך דערציילט? ווי דזשינעווראַ איז געשטאַנען לעבן פענסטער; ווי די גלאָקן האָבן געקלונגען; ווי די זון איז דורכגעדרונגען

אין צימער אַריין. אויף אַ שטול איז געלעגן א קראַנץ פון „אומשטערבלעכע בלומען״, אַרומגעבונדענע מיט אַ שוואַרצער באַנד, וועלכע דזשינעווראַ מיט דער מוטער האָבן געדאַרפט אַוועקטראָגן אויפן בית־עולם „קאַמפּאָ־וועראַנאָ״, כדי אַוועקצולייגן זיי דאָרט אויפן קבר פון זייערס אַ קרוב...

וואָס פאַר אַ זכרון! — איר זעט. יאָ, אַצינד האָב איך אַ שרעקלעכן זכרון.

הערט זיך ווייטער איין. זי איז געשטאַנען און געגעסן אַ פרוכט מיט דער זעלבער אַרויסרופנדער תאווה, וועלכע זי פלעגט אַרויסווייזן מיט אַלע אירע באַוועגונגען. מיין געגנוואַרט האָט זי גאָרנישט געקימערט; זי האָט זיך געמאַכט, ווי זי זעט נישט, אַז איך קוק אויף איר. די דאָזיקע גלייכגילטיקייט אירע האָט מיך שרעקלעך באַליידיקט. אַצינד האָב איך קלאָר געזען, אַז זי געהערט נישט מיר; אַז זי קען אַלע געהערן, אַז זי האָט באַשטימט אַלע געהערט. איך ווידער האָב קיינמאָל ווי געהעריק נישט אָפּגעשאַצט מיין רעכט אויף איר ליבע און מיין רעכט אָנצווענדן כוח. בין איך אַזוי געשטאַנען און זי אָנגעקוקט.

צי איז אייך קיינמאָל אין לעבן נישט אויסגעקומען צו באַטראַכטן לאַנג אַ פרוי און פלוצלינג צו פאַר־

לירן יעדן באַגריף פון איר מענטשלעכקייט, יעדן באַגריף פון איר סאָציאַלן שטאַנד, יעדע געפילן-פאַר-בינדונגען, וועלכע האָבן אייך געשטעלט אין נאָנטע באַציונגען מיט איר — און בולט צו דערקענען אין איר נישט מער ווי אַ חיה, אַ ווייב, און די פרעכהייט פון געשלעכט?

דאָס האָב איך דערקענט אין איר, באַטראַכטנדיק זי: און איך האָב פאַרשטאַנען, אַז דאָס איז אַ מענטש פון תאווה, אַז זי איז פעיק אויף די נידערטרעכטיקסטע מעשים. און נאָך איין טרויריקער אמת איז מיר קלאָר געוואָרן אין מיינע געדאַנקען: אַז אין גרונט פון דער מענטשלעכער עקזיסטענץ אין גרונט פון אַלע מענטש-לעכע מעשים ליגט דער גרעסטער שמוץ. — שרעק-לעך, אַ שרעקלעכער אמת!

זייער גוט; אָבער וואָס האָב איך געקענט טון? גאָר-נישט. אָבער די דאָזיקע פרוי האָט דאָך אַרומגעטראָגן אין אירע געדערים אַ נייע לעבן, זי האָט דאָך מיט איר בלוט גענערט אַ סודותפול באַשעפעניש, וואָס איז געווען מיין שטענדיקער חלום, מיין העכסטע האָפ-נונג, מיין טרייסט...

יאָ, יאָ! איידער ער האָט נאָך דאָס ליכט דערזען האָב איך אים שוין ליב געקריגן. איך האָב געוויינט

פון שמחה, איך האָב פאַרשיידענע זאַכן אין מיין הארץ אַרויסגעזאָגט. באַרעכנט נאָר, מיין פריינט. מיינע שרעק־לעכע פּיין. איך האָב בשום אופן נישט געקענט צו־נעמען באַזונדער די שמוציקע געדאַנקען פון די ריינסטע און אומשולדיקסטע, וויסנדיק, אַז די זאַך פון מיין פאַרערונג, מיין אידעאַל איז פאַרבינדן מיט אַזאַ ווען, וואָס איז דורך־און־דורך פאַרשענדט. וויפל גע־זונט וואָלט דאָס אָפּגעקאָסט אַ פאַנאַטיקער, ווען ער דערזעט, אַז זיין מזבח, זיין קדשי־קדשים איז באַדעקט מיט אַן אומרייינער שמאַטע? וואָס וואָלט ער איבער־געלעבט, ווען ער וואָלט אַנדערש נישט געקענט אַ קוש טון זיין הייליקייט, ווי נאָר דורך אַ פאַרשמוצטן שלייער? וואָס וואָלט ער איבערגעלעבט?

עס פעלט מיר אויס ווערטער זיך אויסצודריקן. אונדזערע ווערטער, אונדזערע מעשים זיינען תמיד צו וואולגאַר, צו נאַריש, צו קליינלעך, אַרויסצוגעבן אונ־דזערע העכסטע געפילן. אין יענעם טאָג האָט זיך קאָנצענטרירט אין מיר אַ מיש־מאַש פון פאַרשיידענע טרויריקע זאַכן, וועלכע האָבן מיך שרעקלעך גע־שטיקט. סוף־כל־סוף האָט זיך פון דעם אַלעם אַנטוויקלט אַ קליינער דיאַלאָג, וועלכער האָט זיך פאַרענדיקט אויף זייער אַ קאָמיש, פחדנותדיקן אופן. איר ווילט

וויסן, וואָס דערפון איז אַרויסגעקומען? איר ווילט וויסן דעם גאַנצן דיאַלאָג? טו הערט-זשע ווייטער.

אַלזאָ, זי איז געשטאַנען לעבן פענסטער, און איך בין צוגעגאַנגען נאָנט צו איר. א קירצע ווײַלע האָב איך קיין וואָרט נישט געקענט אַרויסרעדן. דערנאָך האָב איך מיט גרויס אָנשטרענגונג זי אַ נעם געטון בײַ אַ האַנט און זי אַ פרעג געטון:

— דזשינעווראַ, צי האָסטו מיך שוין אַמאָל פאַרראַטן?

זי האָט אויסגעגלאָצט אירע אויגן און געענטפערט:

— פאַרראַטן? וואָס מיינסטו דערמיט?

איך האָב ווידער געפרעגט?

— צי האָסטו געהאַט אַ געליבטן? נו, לאָמיר זאָגן... דאָבערטי?

זי האָט מיך כסדר אָנגעקוקט, ווײַל מיר האָט גע-קלאַפּט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ סצענע? וואָס זאָל דאָס באַדײַטן? צי ביסטו משוגע געוואָרן?

— ענטפער מיר דזשינעווראַ.

— ביסטו משוגע?

און בשעת איך האָב זי געפרעגט נאָכאַמאָל אָנגענומען בײַ דער האַנט, האָט זי אַ געשריי געטון

— פארדריי מיר נישט דעם קאפ, גענוג!

אבער איך האב, פונקט ווי א צעמישטער, זיך א ווארף געטון אויף די קני און זי אנגעכאפט באם קלייד.

— איך בעט דיך, איך בעט דיך, דזשינעווראַ! האָב רחמנות, כאָטש אַ ביסל רחמנות! וואַרט ווייניקסטנס צו ביז ער וועט געבוירן ווערן... דאָס אומגליקלעכע באַעפעגישל... מיין אומגליקלעכער זון... מיינער... איז דאָס אמת? וואַרט כאָטש ביז ער וועט געבוירן ווערן. דערנאָך וועסטו טון, וואָס דיין האַרץ גלוסט; איך וועל שווייגן, איך וועל פון אַלעם ליידן ווען דיינע געליבטע וועלן קומען, וועל איך דאַמאָלס אַוועקגיין. אויב דו וועסט מיך הייסן, וועל איך זיי די שטיוול פוצן אין צווייטן צימער... איך וועל זיין דיין קנעכט, איך וועל זיין זייער קנעכט; אַלץ וועלן איך ליידן. אָבער וואַרט, וואַרט! גיב מיר פריער מיין זון! האָב רחמנות...

אָבער גאָרנישט, גאָרנישט! איר בליק האָט אויסגעדריקט בלויז אַ פוסטע נייגעריקייט. זי האָט אַ ביסל אָפגעטרעטן צוריק און איבער־געחזרט:

— ציי ביסטו משוגע געוואָרן?

זעענדיק, אז איך הער נישט אויף צו וועטיין צו איר און בעטן זי, האָט זי זיך אויסגעדרייט צו מיר

מיט די פּלייצעס, אַרויסגעגאַנגען, צוגעמאַכט די טיר נאָך זיך און מיך געלאָזט שטיין אויף די קני. די זון האָט געוואָרפן אויף דער פּאָדלאָגע אירע ליכטיקע שטראַלן; אויף דער שטול איז געלעגן דער טויטן-קראַנץ, און מיינע ליידן האָבן זיך אויף קיין האָר נישט געענדערט...

וואָס קענען מיר אָבער אין אַלגעמיין ענדערן? האָבן דען עפּעס אַ ווערט אונדזערע טרערן? — יעדער מענטש איז עפּעס, און אויף יעדערנס חלק פאַלט אויס איבערצוטראָגן עפּעס — אַזוי איז דאָס, גאָרנישט אַנדערש.

מיר זיינען שוין ביידע גוט פאַרמאַטערט, מיין טייערער פריינט: איך פון דערציילן און איר פון הערן. אמת געזאָגט, האָב איך אייך אַ ביסל צו פיל מאַריך געווען. יאָ, איך האָב אייך מאַ־יך געווען אַ ביסל; פאַרוואָס — ווייסט איר אַליין גאַנץ גוט: עס האַנדלט זיך דאָך נישט אין דעם. דעם עיקר האָב איך אייך נישט דערציילט, כדי צוצוקומען צום עיקר דאַרף איך אייך נאָך דערציילן די געשיכטע פון אַ צען יאָר. יאָ,

צען יאָר; צען טרויריקע יאָר-הונדערטער פון ליידן און שאַנד.

און דאַך, דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. יאָ, יענע נאַכט, ווען איך האָב דערהערט די גוואַלטן פון דער קינפעטאָרן, ווי דייטלעכע אוממענטשלעכע קולות, קולות פון אַ חיה, וואָס ליגט אונטערן מעסער — האָב איך מיר דאַמאָלס מיט גרויס ציטערניש אַזוי געטראַכט: — אַך, ווען זי שטאַרבט און דאָס קליינע באַשעפעניש בלייבט לעבן! — זי האָט געמאַכט אַזעלכע גוואַלטן, אַז איך בין געווען זיכער: — ווער עס מאַכט אַזעלכע קולות מוז אומבאַדינגט שטאַרבן. — מיט דעם געדאַנק האָב איך מיך אַרומגעטראָגן, און די דאָזיקע האָפענונג האָט מיך אַפילו קיין מינוט נישט פאַרלאָזט. אָבער זי איז נישט געשטאָרבן; זי איז געבליבן לעבן, און דאָס איז געווען אַ טויט פאַר מיין זון.

פאַר מיין זון. ער איז טאַקע געווען מיינער, פון מיין אייגן בלוט. ער האָט אַפילו געהאַט אויפן לינקן אַקסל דעם זעלבן געבורטס-פלעק, וואָס איך האָב געהאַט. זאָל גאָטס נאָמען געלויבט זיין פאַר דעם דאָזיקן פלעק וועלכער האָט מיר געגעבן די מעגלעכקייט צו דערקענען מיין זון.

צי זאָל איך אייך דערציילן מיינע יסורים פון די-

דאָזיקע צען יאָר? צי זאָל איך אייך גאָלץ דערציילן? דאָס איז אוממעגלעך. איך וועל אייך נישט קענען דער-ציילן ביזן סוף. און אויב איך וועל אייך יאָ דערציילן, וועט איר האָבן אַ ברירה מיר נישט צו גלייבן, דען אַלץ, וואָס איך וועל אייך דערציילן, לייגט זיך גאָרנישט אויפן מענטשלעכן מוח.

אָט גיב איך אייך איבער אין עטלעכע ווערטער אַלע פאַקטן. מיין הויז איז געוואָרן אַ שאַנד-הויז. אַ סך מאָל האָב איך באַגעגנט לעבן מיין טיר גאָר אומבאַקאַנטע מענטשן. מיין וואָרט האָב איך נישט גע-האַלטן; דאָס, וואָס איך האָב פאַרשפּראָכן, האָב איך נישט דערפילט. — איך האָב די שטיוול נישט געפּוצט אין צווייטן צימער, נאָר איך האָב געטון גאָזעלכע אַר-בעטן, וואָס דער ערגסטער דינער וואָלט דאָס נישט געטון. אַפילו באַטיסטאָ איז נישט געווען אַזוי אומ-גליקלעך, ווי איך; ער האָט געהאַט אַ בעסער מזל: ער איז נישט געווען אַזוי דערנידריקט. קיין שום מענטשלעכע לייַן קענען נישט פאַרגלייכט ווערן מיט מיינע. כריסטוס וואָלט אויף מיר זיינע טרערן פאַרגאָסן, ווייל קיין שום מענטש אין דער וועלט איז אַזוי פיל נישט דערנידריקט געוואָרן, ווי איך. באַ-טיסטאָ, נאָר ער האָט גיך געקענט פאַרשטיין; נאָר

אַזא אומגליקלעכער ווי ער האָט געקענט האָבן מיט־לייד מיט מיר.

די ערשטע פּאָר יאָר, ווען דזשיראָ האָט נאָך גאָרנישט פאַרשטאַנען, האָב איך קיין שום זאַך נישט געטון. דערנאָך, אַז איך האָב באַמערקט, אַז זיין פאַרשטאַנד דערוועקט זיך אין אים, אַז איך האָב מיך אַרומגעזען, אַז אין דעם קליינעם און שוואַכן קערפּער, אַנטוויקלט זיך דער פאַרשטאַנד מיט אַן אומגעהייערער שנעלקייט, אַז איך האָב דערהערט פון זיין מויל די ערשטע שרעקלעכע פראַגע, האָב איך דערפילט, אַז איך בין פאַרלוירן

וואָס האָב איך געקענט טון? ווי אַזוי האָב איך געקענט באַהאַלטן פון אים דעם אמת? ווי אַזוי האָב איך מיך בעדאַרפט ראַטעווען? איך האָב מיך געפילט פאַרלוירן.

די מוטער האָט פאַר אים גאָרנישט געזאָרגט; גאַנצע טעג פלעגט זי אים איבערלאָזן אַליין; צייטנווייז, ווען ער פלעגט דאַרפן דאָס בייטיקסטע, פלעגט זי אים אויך נישט באַדינען; זי פלעגט אים נישט איינמאָל אויך דערלאַנגען, און איך פלעג דאַרפן שעהן לאַנג שטיין פונדערווייטנס; איך פלעג אים אויך כּסדר נישט קענען דערוואַרעמען מיט מיינע צערטלעכקייטן, איך

פלעג אים נישט קענען זיס מאַכן דאָס לעבן, אַזוי ווי איך האָב דאָס געוואָלט, אַזוי ווי איך האָב גע־וואָלט, אָדער ווי איך האָב געטרוימט. דאָס אומגליקלעכע קינד האָט כמעט די גאַנצע צייט פאַרברענגט אין קיך, אין געזעלשאַפט פון דער דינסט.

איך האָב אים אָפּגעגעבן אין אַ שולע אַריין. אינ־דערפרי פלעג איך אים אַליין אָפּפירן אין שולע און פינף נאָך מיטאָג פלעג איך גיין אים צוריקברענגען; דערנאָך פלעג איך אים שוין נישט איבערלאָזן אַליין ביז ער פלעגט נישט אַנטשלאָפן ווערן. זייער שנעל האָט ער זיך אויסגעלערנט ליינען, שרייבן; ער האָט איבערגע־שטיגן אַלע זיינע חברים; ער האָט געמאַכט אַן אויסער־געוויינטלעכן פאָרשריט. ער האָט געהאַט זייער קלוגע אויגן. בשעת ער פלעגט אויף מיר אָנשטעלן זיינע גרויסע, שוואַרצע אויגן, וועלכע האָבן באַלויכטן זיין פנים, פלעג איך טיילמאָל איבערלעבן אַ מין אומרויקייט, און איך פלעג לאַנג נישט קענען אויסהאַלטן זיין טיפן, מעלאַנכאָלישן בליק. אַך, אין טייל אָוונטן, אין דער אָנוועזנהייט פון דער מוטער, ווען ס'איז אויף אונדז אַלע דריי געהאָנגען אַ טויטע שטילקייט... מיינע אַלע שטומע ליידן האָבן זיך אָפּגעשיינט אין די דאָזיקע ריינע אויגן.

אָבער דאָס איז נאָך אַלץ גאָרנישט. ערגערע טעג

זיינען אָנגעקומען. מיין חרפה איז שוין געוואָרן צו-
פיל אָפן. דער סקאַנדאַל איז געווען אַ צו שטאַרקער,
און די פרוי עפּיסקאָפּאָ האָט באַקומען
אַ צו גרויסן שם. אַחוץ דעם אַלעמען האָב איך
פאַרנאַכלעסיקט מיינע פליכטן פון מיין אַמט; אין די
בריוו פלעג איך מאַכן זייער אָפטע טעותים; טיילמאָל
פלעגט מיר דער פּולס אַזוי קלאַפּן, אַז איך פלעג
פשוט די פעדער נישט קענען האַלטן אין דער האַנט.
מיינע קאָלעגן און מיינע העכערע באַאַמטע פלעגן קוקן
אויף מיר, ווי אויף אַ מענטש, וואָס האָט פאַרלוירן זיין
ערע, איז דערנידריקט און פאַרגרעבט געוואָרן צוויי,
אָדער דריי מאָל האָט מען מיר געמאַכט פאָרוואורפן, דער-
נאָך האָט מען מיך אויף אַ געוויסע צייט אַראָפּגעזעצט
פון מיין אַמט, און ענדלעך האָט מען מיר, אין נאָמען
פון דער באַליידיקטער מאָראַל, אינגאַנצן אָפּגעזאָגט
פון מיין שטעלע.

ביז יענעם טאָג האָב איך נאָך געהאַט אויף אַזוי
פיל אַ ווערט, אויף וויפל מיין געהאַלט האָט באַטראָפן פון
יענעם טאָג אָן און ווייטער בין איך מער נישט ווערט
געווען, ווי דאָס אַש פון אַ ציגאַר; דאָס שאָלעכץ, וואָס
וואַלגערט זיך אויף דער גאַס האָט געהאַט אַ גרעסערן
ווערט. קיין זאַך קען איך נישט געבן קיין ריכטיקן

באַגריף פון די יסורים, וואָס מיין ווייב און מיין שוויגער האָבן מיר פאַרשאפט באַם מאַטערן מיך. מען האָט באַ מיר צוגענומען מיינע עטלעכע טויזנט ליר, וועלכע זיינען באַ מיר פאַרבליבן, מיין שווייגער ווידער האָט אויף מיינע קאָסטן אויפגעעפנט אַ שניט-געשעפט, און פון דעם קליינעם געשעפטל האָט די גאַנצע פאַמיליע נאָך געקענט, ווי עס איז, ציען חיונה.

מען האָט אויף מיר אָנגעהויבן קוקן ווי אויף אַן „אומזיסטן פרעסער“; מען האָט מיך צינויפגעפאָרט מיט באַזיסטאָן. אויך איך האָב נישט איינמאָל גע-טראָפן באַנאכט פאַרמאַכט די טירן; אויך איך בין נישט איינמאָל פון הונגער אויסגעגאַנגען. און איך האָב מיך צוגעוויינט צו אַלע צרות, צו אַלע שווערי-קייטן, צו דער נידריקסטער אַרבעט. כדי צו פאַרדי-נען אַ פּאָר סאָלד, פלעג איך פון פרימאָרגן ביז פאַר-נאַכט שטיין אויף די פיס; איך פלעג ווערן אַ שריי-בער, אַ לויף-יונגל. און איינמאָל בין איך גאָר געוואָרן אַ סופלאָר אין אַן אָפּערעטע. און וואָס בין איך נישט אויסגעווען. איך בין געווען אַ שומר באַ דער טיר פון אַ צייטונגס-קאַנטאָר, איך בין געווען אַן אָנגע-שטעלטער אין א פאַרמיטלונגס-ביוראָ, איך פלעג פאַר-קומען מיט אַלע סאָרטן מענטשן. מיט איין וואָרט,

איך פלעג אַראָפּבייגן דעם קאַרג פאַר די שווערסטע אַרבעט.

אַצינד זאָגט מיר: צי נאָך אַזאַ לאַנגן אַרבעטס-טאָג האָב איך מיר נישט פאַרדינט קיין אָפּרו? אָוונטצייט, ווען דזשיראָ פלעגט צומאַכן די אויגן, פלעג איך אַרויסגיין, אויב איך האָב נאָר געקענט. באַטיסטאָ פלעגט מיך שוין אָפּוואַרטן אויף דער גאַס. דאַמאָלס פלעגן מיר זיך ביידע אַוועקלאָזן אין אַ שענק אַריין טרינקען.

וואָס פאַר אַן אָפּרו?! וואָס פאַר אַ פאַרווייַלונג? ווער האָט אַמאָל געוווסט די באַדייטונג פון די דאָזיקע ווערטער: „פאַרטרינקען די צרות?" אַך, מיין פריינט, איך האָב געהאַלטן אין איין טרינקען, ווייל איך האָב שטענדיק געפילט, ווי עס ברענט אין מיר אַ דורשט; אָבער דער וויין האָט מיר קיין סעקונדע פרייד נישט גע-געבן. מיר זיינען געזעסן איינער קעגן צווייטן און מיר האָבן קיין לוסט נישט געהאַט צו רעדן. קיינער האָט דאָרט נישט גערעדט. צי זענט איר שוין געווען אַ מאָל אין די דאָזיקע שטילע שענקען? די טרינקערס זיינען תמיד איינזאַם, האָבן תמיד אויסגעמאַטערטע פנימער, זיי רייבן זיך תמיד די שלייפן מיט זייערע הענט; פאַר זייערע אויגן שטייט דאָס גלאָז, זייערע

אויגן זיינען ווי צוגעבינדן צום גלאָז, אָבער זיי זעען עס קיינמאָל נישט. צי איז דאָס ווייַן? צי איז דאָס בלוט? יאָ, מיין פריינט: דאָס זיינען ביידע זאַכן צו-זאַמען.

באַטיסטאָ איז כמעט ווי בלינד געוואָרן. איינמאָל באַנאַכט, ווען מיר זיינען געגאַנגען צוזאַמען, האָט ער זיך מיטאַמאָל אָפּגעשטעלט בא אַ לאַמטער און טאַפּנדיק זיך דעם בויך, האָט ער מיר אַ זאָג געטון:

— זע ווי ער איז אָנגעשוואָלן.

דערנאָך האָט ער אָנגענומען מיין האַנט, זי אַדורכ-געפירט איבערן געשווילעכץ און מיר אַ זאָג געטון מיט אַ שרעקעדיקער שטימע:

— וואָס וועט אַצינד זיין?

שוין עטלעכע וואָכן האָט ער זיך געפונען אין אַזאַ צושטאַנד און האָט קיינעם נישט דערציילט פון זיין קרענק. אין עטלעכע טעג ארום האָב איך אים אַוועק-געפירט אין שפּיטאָל אַריין, דאָקטוירים זאָלן אים באַטראַכטן. עס איז געגאַנגען אין דעם געשווילעכץ, וואָס האָט זיך פאַרגרעסערט פון טאָג-צו-טאָג. מען האָט געקענט מאַכן אַן אָפּעראַציע. באַטיסטאָ האָט אָבער נישט געוואָלט, ווייל ער האָט נאָך געוואָלט לעבן.

ער האָט זיך אַרומגעטראָגן מיט זיין קרענק נאָך

עטלעכע חדשים; דערנאָך האָט ער זיך געמוזט אַוועק־לייגן אין בעט אַריין, פון וועלכן ער האָט זיך שוין מער נישט אויפגעהויבן.

וואָס פאַר א לאַנגער און שווערער טויט! כדי נישט צו הערן דאָס יאָמערן פון אומגליקלעכן באַטיסטאָ, האָט די שוויגער אים פאַרשלאָסן אין אַ וויטן, שמו־ציקן און פינסטערן צימער. יעדן טאָג פלעג איך דאָרט אַריינקומען; דזשיראָ פלעגט אויך וועלן מיט מיר גיין, כדי מיר דאָרט מיט עפּעס באַהילפיק צו זיין... אַך, ווען איר וואָלט אויף אים אַ קוק געטון: אויף מיין אומגליקלעכן קינד! ווי מוטיק ער האָט זיך געפילט באַ דער וואָלטעטיקער אַרבעט, זייט־באַ זייט מיט זיין פאָטער!

איך האָב אָנגעצונדן אַ שטיקל ליכט, כדי בעסער אַלץ צו באַמערקן. דזשיראָ האָט מיר דאָס ליכט אָנ־געצונדן. דאַמאָלס האָט זיך פאַר אונדזערע אויגן בולט באַוויזן דער גיגאַנטישער, אומפאָרמיקער קער־פּער, וועלכער האָט געקרעכצט און בשום אופן נישט געוואָלט שטאַרבן. ווי זאָל איך מיך ווייטער אויס־דריקן? דאָס איז נישט געווען קיין מענטש, וועלכער האָט געליטן פון א קראַנקייט, נאָר דאָס איז געווען די קראַנקייט אַליין. דאָס איז געלעגן נישט קיין

מענטש, נאָר גיכער אַ מאָנסטער, וועלכער האָט קוים דעם אָטעם געצויגן און צו וועלכן עס זיינען צוגע־טשעפּעט געווען אַ פּאָר צרהדיקע הענט, אַ פּאָר צרה־דיקע פיס און אַ קליינער אויסגעמאָגערטער, רויטלע־כער קאָפּ. שרעקלעך! שרעקלעך! — און דזשיראָ האָט אָנגעצונדן דאָס ליכט, און אין זיין אָנגעצויגע־נער הויט, וועלכע האָט געגלאַנצט, ווי געלער מורמל־שטיין, האָב איך דאַמאָלס, מיט אַ פאַרזשאַווערטן שפּריץ, אַריינגעשפּריצט דעם מאָרפיום.

אָבער גענוג, גענוג שוין. זאָל געבענטשט זיין זיין אומגליקלעכע נשמה. אַצינד דאַרף איך מיך דערנענטערן צום עיקר. איך וועל מיך אַצינד באַמיִען צו פאַרקירצן די געשיכטע.

דאָס מזל! צען יאָר זיינען פאַרבייגעלאָפן; צען יאָר פון פאַרצווייפלטן לעבן; צען לאַנגע צרותדיקע יאָר. אין אַן אָוונט, ווען מיר זיינען זיך באַם טיש געזעסן, האָט מיר דזשינעווראַ אַ זאָג געטון אין געגנ־וואַרט פון דזשיראָן: — צי ווייסטו? וואַנצער איז דאָך צוריקגעקומען. איך בין אַפילו נישט בלייך

געוואָרן; ווייל אַזוי ווי איר זעט, האָט שוין לאַנג דאָס פּנים בּאַ מיר אַזאַ קאָליר געהאַט; דער טויט וועט עס שוין אויך נישט ענדערן; און מיט אַזאַ פּנים וועט מען מיך בּאַגראָבן אָבער דאָס געדענק איך גאַנץ גוט, אַז איך האָבּ קיין איינציק וואָרט נישט געקענט אויסרעדן.

זי האָט אויף מיר אָנגעשטעלט איר בּליק, וועלכער פלעגט תמיד אויף מיר אַ שרעק אָנוואַרפן, פונקט ווי אויף אַ פחדן, וועלכער דערזעט פאַר זיך אַן אויסגעשטרעקטע בּיקס. איך האָבּ בּאַמערקט, אַז זי בּאַטראַכט מיין שטערן, מיין שראַם. זי האָט אַ לאַך געטון מיט אַ בּייזן, אומדערטרעגלעכן שמייכל אויף די ליפּן. כּדי מיר נאָך מער ליידן צו פאַרשאַפן, האָט זי מיר אַ זאָג געטון, אונטערשטרייכנדיק יעדעס וואָרט:

— דו האָסט שוין אָן וואַנצערן פאַרגעסן? ער האָט דאָך דיר אַ גוט דרשה-געשאַנק איבּערגעלאָזט אויפן שטער...

בּאַ די דאָזיקע ווערטער האָט אויך דזשראָ אָנגעשטעלט זיינע אויגן אויפן שראַם; און איך האָבּ אין זיי גלייך איבּערגעליינט די פראַגע, וועלכע ער האָט געוואָלט מיך אַ פרעג טון. ער האָט מיך געוואָלט פרעגן:

— וואָס זאָל דאָס זיין? האָסט מיר נישט דעצײלט אַמאָל, אַז דו האָסט דיך פאַרווונדעט, פאַלנדיק? פאַרוואָס האָסטו מיך אָפּגענאַרט? און ווער איז דאָס דער דאָזיקער מענטש, וועלכער האָט דיר אַזאַ צייכן געלאָזט?

איך האָב די אויגן אַראָפּגעלאָזט און קיין וואָרט נישט אַרויסגעזאָגט.

דזשינעווראַ האָט ווייטער גערעדט.

— היינט אינדערפרי האָב איך אים באַגעגנט. ער האָט מיך גלייך דערקענט. אין אָנהייב האָב איך אים נישט דערקענט, ווייל ער האָט זיך געלאָזט אָנוואַקסן די באָרד. פון אונדז האָט ער גאָרנישט געוווּסט. ער האָט מיר געזאָגט, אַז ער זוכט אונדז שוין אַרום אַ דריי, פיר טעג. ער וויל דיך זייער זען, זיין גוטן פריינט. ער האָט געוויס געמאַכט אַ גרויס פאַרמעגן אין אַמעריקע; ווייניקסטנס מאַכט זיין אויסזען אַזאַ איינדרוק...

זי האָט כסדר גערעדט מיט אַראָפּגעלאָזטע אויגן און האָט געהאַלטן אין איין שמייכלען. פון צייט־צו־צייט פלעגט דזשיראָ וואַרפן אַ בליק אויף מיר; און איך האָב גוט געפילט, ווי ער פילט, אַז איך לייד.

נאָך אַ קורצער פּאָזע האָט דזשינעווראַ ווייטער גערעדט.

— ער וועט היינט אין אָוונט באַשטימט קומען.

אינדרויסן האָט שטאַרק גערעגנט. און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז דאָס אומעטיקע גערויש פון רעגן קומט נישט פון דרויסן, נאָר טראָגט זיך פון מיר, פון אינע-ווייניק, פונקט ווי איך וואָלט איינגעשלונגען אַ גרויסע פּאַרציע כינע. איך האָב מיטאַמאָל פאַרלוירן דאָס גע-פיל פון ווירקלעכקייט; איך האָב מיך געפונען אַרומ-גערינגלט מיט דער דאָזיקער באַזונדערער אַטמאָספער, פון וועלכער איך האָב אייך שוין אַמאָל דערציילט. עס האָט זיך ווידער אין מיר דערוועקט דאָס געפיל פון פּאָרויסזען — פון דעם, וואָס עס איז גע-שען און דאַרף געשען — איר פאַרשטייט מיך? איך האָב געגלייבט, אַז איך וועל נאָך ביייזיין אַ גאַנצע רייע געשעענישן, וואָס האָבן שוין אַמאָל פּאַסירט. צי מיינט איר, אַז דזשינעוראַס ווערטער — זיינען נייע? צי מיינט איר, אַז מיינע לײדן זיינען נייע? צי מיינט איר, אַז דער אומאַנגענעמער צושטאַנד, וואָס דעם זונס בליקן האָבן אין מיר אַרויסגערופן, ווען ער האָט באַט-ראַכט מיין שראַם, זיינען נייע? קיין זאַך איז נישט ניי. אַלץ חזרט זיך איבער.

און אַזוי זיינען מיר זיך אַלע דריי געזעסן אַרום טיש און געשוויגן. דזשיראָס פּנים האָט אַרויסגעוויזן אַן אויסערגעוויינטלעכע באַאומרויקונג. די שטילקייט

אַליין האָט איך זיך אָנטהאַלטן עפּעס אויסערגעוויינט־לעכס: אַ מין טיפע און אומקלאָרע באַדייטונג וועלכע מיין נשמה האָט בשום אופן נישט געקענט באַגרייפן.

מיטאַמאָל האָט דאָס גלעקל אַ קלינג געטון.

איך מיט מיין זון האָבן מיר זיך ביידע איבערגע־קוקט. דזשינעווראַ האָט געזאָגט:

— דאָס איז וואַנצער, גיי עפן די טיר.

איך בין געגאַנגען עפענען. איך בין געגאַנגען, אָבער עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז נישט איך גיי דאָס, נאָר אַן אַנדערער.

וואַנצער איז אַריינגעקומען.

צי איז נייטיק אייך צו באַשרייבן די גאַנצע סצענע? צי דאַרף איך אייך איבערגעבן זיינע ווערטער? קיין שום אויסערגעוויינטלעכס שטעקט נישט אין דעם, וואָס ער טוט און אין דעם, וואָס ער רעדט, אין דעם, וואָס מיר טון און אין דעם, וואָס מיר רעדן. צוויי אַלטע פריינט האָבן זיך ווידער געטראָפן, האָבן זיך געהאַלדזט, האָבן זיך דורכגעוואָרפן מיט די געוויינטלעכע פראַגעס און געוויינטלעכע ענטפערס — דאָס איז אַלץ.

אַצינד ווען איך זיין אויסזען ער האָט געטראָגן אַ רעגן־מאַנטל מיט אַ קאַפּטער, וועלכער איז געווען פייכט פון רעגן. ער האָט אויסגעזען העכער, דיקער

און שטאָלצער. ער האָט געטראָגן דריי, אָדער פיר פינגערלעך אויף די פינגער, אַ שפּילקע אין קראַוואַט און אַ גאָלדענע קייט. אין רעדן פלעגט ער זיך נישט פּלאָנטערן, פּונקט ווי אַ מענטש, וועלכער איז זיכער באַ זיך. און דאָך — צי איז ער נישט געווען קיין גנב, וועלכער האָט זיך נאָך אַ לאַנגע צייט פון פאַרפאָלגונג אומגעקערט צוריק אין זיין פאָטערלאַנד?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון און אַזוי זיך דרךאַגב אַ זאָג געטון:

— דו ביסט זייער פאַרעלטערט געוואָרן. די פרוי דזשינעווראַ פאַרקערט: איז נאָך פרישער און שענער ווי פריער...

אַראָפּלאָזנדיק די ברעמען, האָט ער ווידער אַ קוק געטון אויף דזשינעוראַן און תאוהדיק אַ שמייכל געטון. ער האָט זי שוין פאַרלאַנגט און האָט שוין געקלערט, ווי אַזוי זי צו באַזיצן

— אָבער זאָג מיר דעם אמת — האָט ער צוגעגעבן. — צי בין איך אפשר נישט געווען דער, וועלכער האָט אייך ביידע צונויפגעפּאָרט? אפשר אַ שלעכטער איינפאַל? צי געדענקסטו כאָטש, אַז דאָס איז געווען מיין איינפאַל? אַך, אַך, דו געדענקסט?

ער האָט זיך צעלאַכט און נאָך אים דזשינעווראַ.

איך האָב מיך אויך געמאַכט, ווי איך לאַך. איך האָב זייער גוט נאָכגעמאַכט באַטיסטאָס גרימאַסן. דער אומגליקלעכער באַטיסטאָ עלו־השלום האָט מיר איבער־געלאָזט בירושה זיין קאָנוואָלסיוו און נאַריש געלעכ־טער. זאָל אים די ערד גרינג זיין!

אָבער דזשיראָ האָט פון אונדז דריי זיין אויג נישט אַראָפּגענומען. און ווען זיין בליק פלעגט רוען אויף וואַנצערן, פלעגט זיין פּנים באַקומען אַזא שרעקלעך אויסזען, וואָס איך האָב נאָך קיינמאָל אַזעלכס נישט געזען.

— דער זון דיינער איז זייער געראָטן אין דיר — האָט וואַנצער געזאָגט. — ער געראָט מער אין דיר, ווי אין דער מוטער.

און ער האָט אויסגעשטרעקט זיין האַנט, אים אַ גלעט צו טון. אָבער דזשיראָ האָט אַ מאַך געטון אַזאַ קונץ, אַז ער האָט מיט איין שאָקל פון קאָפּ אויסגעמיטן וואַנצערס האַנט. ער האָט דאָס געמאַכט מיט אַזאַ גאווה און מיט אַזא בייזקייט, אַז וואַנצער איז אַנט־שטוינט געבליבן.

— אַך, דו אויסוווּרף! — האָט די מוטער אַ גע־שריי געטון.

זי האָט אים גלייך אַראָפּגעלאָזט אַזאַ פּאַטש, אַז אין צימער האָט אַ קלינג געטאָן.

— נעם אים צו, נעם אים גלייך צו פון דאַנען.

זי איז אַזש בלייך געוואָרן פאַר כעס. איך האָב מיך אויפגעהויבן און זי געפאָלגט. דזשיראָ האָט אַראָפּ־געלאָזט זיין גאָמבע אויף דער ברוסט, אָבער ער האָט זיך איינגעהאַלטן און נישט געוויינט. ער האָט פאַר־ביסן מיט די ליפּן און אין דער שטיל געקריצט אַ צאָן אָן אַ צאָן.

ווען מיר האָבן זיך שוין געפונען אין אונדזער צימער, האָב איך אים מיט אַ זייער צערטלעכער באַ־וועגונג אויפגעהויבן זיין קעפל; אויף זיין אויסגעמאָ־גערט בעקעלע האָב איך באַמערקט אַ צייכן פון פינ־גער, אַ ראָזע צייכן פון פּאַטש. טרערן האָבן זיך מיר געשטעלט אין די אויגן.

— עס טוט דיר וויי? זאָג מיר, מיין קינד: עס טוט דיר גוט וויי? דזשיראָ, מיין טייערער, ענטפער! עס טוט דיר שטאַרק וויי? — איך האָב מיך איינגעבויגן איבער זיין באַליידיקטער באַק און עס האָט זיך מיר געגלוסט באַגיסן זי נישט נאָר מיט מיינע טרערן, נאָר מיט עפּעס אַ באַלזאַם.

ער האָט אַ וואָרט נישט גערעדט; ער האָט אויך

נישט געוויינט. קיינמאָל האָב איך אים נישט געזען מיט אַזאַ שטרענגען, פּיינטלעכן, ווילדן אויסדרוק. דער שטערן איז געווען געראונצלט, דאָס מויל אָנגעבלאָזן, און בלייך איז ער געווען, ווי אַ טויטער.

— דזשיראָ, דזשיראָ, מיין קינד, ענטפער מיר!

ער האָט נישט געענטפערט. ער האָט זיך אַוועקגערוקט פון מיר, אַוועקגעגאַנגען אין דער ריכטונג צו זיין בעטל און זיך אָנגעהויבן אויסצוטון אין דער שטיל. איך בין צו אים צוגעלאָפן, אים צו העלפן זיך אויסטון. מיינע באַוועגונגען זיינען געווען אַזעלכע שרעקנדיקע, הכנעהדיק; און פון דעם געדאַנק, אַז ער האָט עפּעס אפשר אויך קעגן מיר — בין איך אַן אויפגעצאפּלטער געוואָרן. איך האָב מיך לעבן אים אויף די קני אַראָפּגעלאָזט, אים די שיכעלעך אַראָפּצוציען. איך האָב מיך צוגעגעבן מיט מיין גאַנצן קערפּער צו זיינע פיסעלעך, און עס איז אויסגעקומען אַזוי, אַז זיינע פיסעלעך האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן מיין האַרץ, וועלכעס איז שווער געווען ווי אַ בליי, וועלכעס האָט כמעט אויפגעהערט צו קלאַפּן.

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ, האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון, צורירנדיק זיך צו מיינע שלייפן. איך האָב באַמערקט, אַז ער וויל פרעגן עפּעס אַ שרעקלעכע פראַגע.

— פּאַפּאַ, פּאַפּאַ — האָט ער פּלוצלינג אַ זאָג געטון, צוּרירנדיק זיך צוּ מיינע שלייפן. איך האָב באַמערקט, אַז ער וויל פרעגן עפּעס אַ שרעקלעכע פראַגע.

— אָבער זאָג שוין! זאָג שוין! — האָב איך מיך באַ אים מיט רחמים געבעטן, שטייענדיק אַלץ איינגעבויגן לעבן זיינע פיס.

ער האָט זיך ווייטער אָפּגעשטעלט און גאָרנישט געזאָגט. ער איז אַריין אין בעטל, זיך צוּגעדעקט מיט דער דעק און טיף איינגעגראָבן דאָס קעפּל אין קישן. באַלד דערנאָך האָט דאָס אים אָנגעהויבן קלאַפּן אַ צאָן אָן אַ צאָן, פּונקט ווי אין די קאַלטע ווינטער-טעג, ווען ער פלעגט געפרוירן ווערן פאַר קעלט. מיינע צערטלעכקייטן האָבן אים נישט באַרויִקט, און מיינע אַלע ווערטער האָבן אויף אים קיין שום ווירקונג נישט געהאַט.

אַך, מיין פריינט, ווער עס האָט דאַמאָלס איבערגעלעבט דאָס, וואָס איך, דער האָט זיך זיכער פאַרדינט דאָס ליכטיקע גן-עדן.

עס איז אַריבער אַזוי אפשר אַ שעה. עס האָט זיך מיר ענדלעך געדאַכט, אַז דזשיראָ באַרויִקט זיך. ער האָט צוּגעמאַכט זיינע אויגן, פּונקט ווי ער וואָלט אַנטשלאָפן געוואָרן: זיין פּנים האָט זיך ביסלעכווייז

איינגעשטילט און האָט אויפגעהערט צו ציטערן. אָן שום באַוועגונגען בין איך געבליבן שטיין לעבן זיין בעטל.

אינדרויסן האָט כּסדר גערעגנט. פון צייט־צו־צייט האָט אַ גאַנצער פלייץ־רעגן מיט אימפּעט אַ קלאַפּ געטון אָן די שויבן; דזשיראָ האָט אַן עפן געטון זיינע אויגן און גלייך דערנאָך זיי צוריק צוגעמאַכט.

— שלאָף, שלאָף! איך בין דאָ לעבן דיר — פלעג איך אים יעדעס מאָל איבערחזרן. — שלאָף, מיין טייער קינד!

איך בין אָבער געווען אין איין שרעק, און די דאָזיקע שרעק האָב איך בשום אופן נישט געקענט דערשטיקן אין זיך. איך האָב געפילט, ווי אַ מין דראָונג אַרום זיך. יעדעס מאָל פלעג איך איבערחזרן:

— שלאָף, שלאָף, מיין טייערער!

א שרעקלעכער, האַרץ־רייסנדער געשריי האָט זיך פלוצלינג איבער אונדזערע קעפּ אַ טראָג־געטון. דזשיראָ האָט זיך אַ זעץ־געטון אויפן בעטל און אַ דערשראָקענער מיך אַ כאַפּ געטון באַם אָרעם.

— פּאַפּא, פּאַפּאַ! דו האָסט געהערט?

אוןביידע, איינגעקאָרטשעט פון שרעק, זיינען מיר אַזוי געזעסן און זיך צוגעהערט.

אַ צווייט געשריי האָט זיך דערהערט. עס האָט אויס־געזען, פּונקט ווי מען וואָלט אַ מענטש דערהרגעט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט זיך דערהערט נאָך אַ מער דויערהאַפטער און האַרץ־רייסנדער געשריי, ווי פריִער, וועלכן איך האָב גלייך דערקענט, ווייל איך האָב שוין איינמאָל באַנאַכט געהאַט דאָס פאַרגעניגן אַזעלכן צו הערן...

— באַרויִק זיך, באַרויִק זיך. שרעק זיך נישט. דאָס גייט אַראָפּ אַ פרוי פון אויבערשטן שטאָק. דו פאַר־שטייסט? דאָס איז בעדעטי... באַרויִק זיך, מיין קינד. דאָס איז גאָרנישט.

די געשרייען האָבן אַלץ נישט אויפגעהערט: זיי האָבן די מויער דורכגעלעכערט. עס האָט זיך גע־דאַכט, עמעצער קלאַפּט אין אַ באַראַבאַן. פון מינוט־צו־מינוט זיינען די גוואַלטן אַלץ שטאַרקער און שטאַרקער געוואָרן. אַצינד האָט זיך גאָר געדאַכט, אַז דאָס קוילעט מען אַ חיה, וועלכע מאַכט אַזעלכע שרעק־לעכע גוואַלטן דאָס בילד האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט דייטלעך פאַר מיינע אויגן.

אינסטינקטיוו האָבן מיר ביידע מיטאַמאָל פאַרשטעלט מיט די הענט אונדזערע אויערן, וואַרטנדיק, אַז אָט, אָט ענדיקן זיך די גוואַלטן.

די גוואַלטן האָבן אויפגעהערט; דער פּלייץ-רעגן האָט מיט אַ גרעסערן כּוח געקלאַפּט אין די שויבן. דזשיראָ האָט זיך ווידער צוגעדעקט מיט דער קאָלדרע און ווידער צוגעמאַכט די אויגן. איך האָב אים באַרויִקט:

— שלאָף, שלאָף. איך וועל פון דאַנען נישט אַוועקגיין.

עס איז אַדורך אַ לענגערע צייט. איך האָב זיך געפונען אין דער מאַכט פון מיין מזל, פּונקט ווי אַ באַזיגטער אין דער מאַכט פון זיין פאַרביטערטן באַזיגער. מיר האָט קיין זאַך שוין נישט געקענט העלפן: איך בין געווען פאַרלוירן.

— דזשאָוואַני, קום נאָר אַהער. וואַנצער גייט שוין אַוועק.

דזשינעוורעס שטימע! אַ שוידער איז מיר אַדורך דורך מיינע ביינער; דזשיראָ האָט אויך אַ ציטער געטון, אָבער ער האָט נישט אויפגעמאַכט זיינע אויגן; ווי עס ווייזט אויס, איז ער נישט געשלאָפן. איך האָב מיך געשלאָגן מיט דער דעה — צי איך זאָל זי פאָלגן? דזשינעוורא האָט אויפגעעפנט די טיר פון צימער און איבערגעחזרט:

— קום נאָר. וואַנצער גייט שוין אַוועק.

האָב איך מיך אויפגעהויבן און שטילערהייט אַרויס פון צימער, האָפנדיק, אַז דזשיראָ האָט נישט געהערט.

ווען איך האָב מיך באַוויזן פאַר דעם מענטש, האָב איך דייטלעך געליינט אין זיינע אויגן דעם איינדרוק, וועלכן איך האָב געמוזט אויף אים מאַכן. איך האָב אים געמוזט אויסזען ווי אַ טויטער מענטש, וועלכער האַלט זיך נאָך אויף די פיס, אַ דאַנק אומנאַטירלעכע כוחות, אָבער איך האָב אין אים קיין שום מיטלייד נישט דערוועקט.

ער האָט מיך אָנגעקוקט, און די גאַנצע צייט האָט ער צו מיר גערעדט אויף איין שטייגער. ער האָט זיך געהאַלטן ווי דער הער, וועלכער האָט צוריק געפונען זיין אַמאָליקן דינער. איך האָב מיר אַזוי געקלערט: „אין אַזעלכע שעהן! וואָס האָבן זיי ביידע געקענט טון, וועגן וואָס האָבן זיי געשמועסט, וואָסער פאַרשווערונג האָבן זיי געמאַכט?" איך האָב אין זיי ביידע באַמערקט אַ גרויסע ענדערונג. ווען דזשינעווראַ האָט אים אויף עפּעס געענטפערט, איז איר שטימע געווען גאָר אַן אַנדערע. ווען דזשינעווראַ פלעגט אַ קוק טון אויף אים, פלעגן זיך אירע אויגן איבערציִען מיט יענעם שלייער...

— עס גיסט אויף דער גאַס, ווי פון צעבערס —

האָט זי געזאָגט — איך וואָלט דיר פאָרגעלייגט זאָלסט גיין זוכן אַ דראָשקע.

איך פאַרשטייט? דאָס האָט מען מיר געגעבן אַזאַ פאַראָרדנונג. וואַנצער האָט זיך גאָרנישט קעגן געשטעלט. באַ אים איז דאָס אויסגעקומען גאַנץ באַטירלעך, אַז איך דאַרף אים גיין זוכן אַ דראָשקע. — האָט ער מיך שוין אַמאָל נישט ווידער גערופן צו זיין דינסט? איך האָב מיך קוים אויף די פיס געהאַלטן! און זיי האָבן דאָס ביידע באַשטימט באַמערקט, נאָר גאָרנישט.

אַן אומבאַגרייפלעכע חוצפה. וואָס אָבער האָב איך געדאַרפט טון? צי האָב איך געדאַרפט גלייך אָפּזאָגן? צי האָב איך געדאַרפט גלייך אויפן אָרט שטעלן אַ ווידערשטאַנד? איך האָב זאָך אויך געקענט זאָגן: — איך פיל מיך זייער שלעכט. איך האָב אָבער נישט דאָס און נישט יענץ געטון. איך האָב אָנגעטון דעם קאַפּעלוש, גענומען אַ פּאַראַסאָל אין דער האַנט און אַרויסגעגאַנגען.

אויף די טרעפּ איז שוין דאָס ליכט לאַנג געווען אויסגעלאָשן. אָבער עס האָט זיך מיר געדאַכט, אַז איך זע אין דער פינסטער אַ סך פייער-שטראַלן; און מיט דער שנעלקייט פון אַ בליץ האָבן זיך אין מיין מוח דערוועקט פאַרשיידענע, נישט קלאָרע, אומגע-

בונדענע געדאַנקען, און דערנאָך מיט דער זעלבער שנעלקייט ווידער באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן. איך בין אַ מינוט געבליבן שטיין אויף די טרעפּ אין דער פינסטער, קלערנדיק, אַז אָט־אָט גיי איך אַראָפּ פון זינען. אָבער דאָס האָט נישט פּאַסירט. איך האָב דייט־לעך געהערט דזשינעווראַס געלעכטער און די קולות פון די אַנטקעגנגיבערדיקע שכנים. איך האָב אָנגע־צונדן אַ שוועבעלע און בין אַראָפּגעגאַנגען פון די שטיגן.

ווען איך האָב שוין געהאַלטן באַם אַרויסגיין אויף דער גאַס, האָב איך דערהערט דזשיראָס שטימע, וועלכע האָט מיך גערופן. דאָס איז געווען אַ געפיל פוןווירקלעכקייט, איך האָב דאָס אַזוי דייטלעך גע־הערט, ווי דזשינעווראַס געלעכטער, פּונקט ווי איך האָב געהערט די קולות פון די שכנים. איך האָב מיך אויס־געדרייט און בין מיט איין אָטעם שוין געווען אין דער הייך.

ווען דזשינעווראַ האָט מיך דערזען, האָט זי אויס־געשריגן:

— ביסט שוין דאָ, אַזוי שנעל?

פאַר גרויס אויפרעגונג האָב איך קיין וואָרט נישט

בעקענט אויסרעדן. ענדלעך האָב איך מיט פאַרצווייפלונג עפּעס אַ מורמל געטון:

— איך קען נישט... איך מוז פון דאַנען אַוועק-ביין... איך פיל מיך זייער שלעכט.

און איך בין גלייך אַוועק צו מיין זון.

— דו האָסט מיך גערופן? — האָב איך אים אַ פרעג געטון, אַריינגייענדיק.

איך האָב אים געטראָפן, זיצנדיק אויפן בעטל, פונקט ווי ער וואָלט זיך אין עפּעס איינגעהערט. ער האָט מיר געענטפערט.

— איך האָב דיך נישט גערופן.

איך בין אָבער געווען זיכער, אַז ער האָט פאַר מיר דעם אמת פאַרבאָרגן.

— דו האָסט מיך געוויס פון שלאָף גערופן. דו ביסט נישט געשלאָפן?

ער האָט אויף מיר אַ קוק געטון מיט גרויס חשד.

— און וואָס איז מיט דיר? — האָט ער מיך אַ פרעג געטון — פאַרוואָס ביסטו אַזוי פאַרזאָרגט? וואָס האָסטו אַזוינס געטון?

— גענוג שוין, דזשיראָ, באַרויק זיך — האָב איך מיך באַ אים געבעטן — און צערטלענדיק אים, האָב איך אים געוואָלט פאַררעדן:

— איך בלייב דאָ מיט דיר; איך גיי שוין מער נישט אַוועק. אַצינד שלאָף, שלאָף, מיין קינד!

ער האָט מיט אַ גרויסן זיפץ איינגעגראָבן זיין קעפּל אין קישן. כּדי מיך צופרידן צו שטעלן האָט ער דערנאָך בכיוון צוגעמאַכט זיינע אויגן און זיך געמאַכט שלאָפן. אין אַ מינוט אַרום אָבער האָט ער זיי אויפגעמאַכט, זיי אויסגעגלאָצט אויף מיר און אַ זאָג געטון מיט אַן אויסגעצויגעגעם טאָן:

— ער איז נאָך אַלץ נישט אַוועקגעגאַנגען.

פון יענער נאַכט אָן האָט מיך באַהערשט אַ שרעקלעך פאַרגעפיל, וואָס האָט מיך שוין דערנאָך כּסדר נישט פאַרלאָזט. דאָס איז געווען אַ מין אומבאַשטימטע, געהיימע שרעק, וועלכע האָט זיך אָנגעזאַמלט אין דער טיפסטער טיפעניש פון מיין נשמה, וווהין קיין מינדסטער פונק פון פאַרשטאַנד דרינגט קיינמאָל נישט אַריין. פון אַלע אָפּגרונטן, וועלכע זיינען פאַרבאָרגן געווען אין מיר, איז דער איינציקער געבליבן אינגאַנצן אומאַנטפּלעקט און איז געווען דער שרעקלעכסטער.

פון צייט־צו־צייט פלעג איך אים ממש שפּירן, און מיט גרויס הארץ־קלאַפּעניש פלעג איך האָפן, אַז אָט־אָט ווערט ער באַלויכטן דורך עפּעס אַ פּלוצלינקדיק שטראַל, וועלכער אַנטבלויזט אים אינגאַנצן. גאַנץ אָפט פלעגט זיך מיר דאַכטן, אַז איך פיל, ווי עס אַנטשטייט אין מיר די דאָזיקע אומבאַוווסטקייט, און איך האָב מיך שוין אַזוי פיל דערנענטערט צו איר, אַז איך פלעג זי מיט מיין פאַרשטאַנד כמעט ווי אָנרירן; אָבער דערנאָך פלעגט זי מיטאַמאָל ווידער טיף פאַרזונקען און פאַרשווונדן אין דער פינסטערניש, איבערלאָזנדיק אין מיין האַרץ אויסערגעוויינטלעכע שמערצן, וועלכע איך האָב זעלטן־ווען איבערגעלעבט. איר פאַרשטייט מיך אַצינד? אויב איר ווילט מיך פאַרשטיין, מיין פריינט, דאַרפט איר זיך פריִער געפינען אין דער לאַגע פון איינעם, וועלכער שטייט אויפן ראַנד פון אַ טיפער ברונע און קען בשום אופן נישט באַגרייפן דעם תהום. די ברונע איז ביז אַ געוויסן פונקט באַלויכטן מיט אַ נאַטירלעכער באַלויכטונג. איר ווייסט אָבער, אַז טיפער און ווייטער דאָרט אַראָפּ אין חושך, איז פאַרבאָרגן אַ מין אומבאַוווּסטע און שרעקלעכע זאַך. איר זעט זי נישט, אָבער איר פילט, ווי זי באַוועגט זיך אומדייטלעך. און די דאָזיקע זאַך שווימט פּאַמעלעך אַרויף און דערגרייכט

ביז דער אויבערפלעך פון שאָטן, אָבער באַמערקן קענט איר זי נאָך אַלץ נישט. נאָך אַ ביסל, נאָך אַ ביסל און אָט-אָט וועט איר זי באַמערקן, אָבער מיטאַמאָל — האַלט: זי שטעלט זיך אָפּ און ווערט פאַרשוווּנדן. איר בלייבט פאַרטרויערט, פאַרחושכט און נידערגעשלאָגן...

ניין, ניין... קינדער-שפּיל... נאַרישקייטן... איר וועט דאָס נישט פאַרשטיין.

ווידער צו די פאַקטן; אָט זיינען זיי. אין אַ פּאָר טעג אַרום איז וואַנצער געוואָרן אַ גאַנצער כל-ולך אין מיין שטוב, און האָט זיך אין איר איינגאַנצן באַזעצט! און איך בין ווידער פאַרבליבן זיין קנעכט און נישט אויפגעהערט צו ציטערן. דאָס איז אָבער ווייניק! איך מוז אייך אָנווייזן אויף דער אַנטוויקלונג פון די פאַקטן. צי דאַרף איך אייך נישט דאָס אַלץ דערקלערן? צי וועט דאָס אייך נישט אויסקומען אויסטערליש? צי דאַרף איך אייך נישט אויסרעכענען אַלע דזשיראָס ליידן? — יאָ, זיין כעס, וועלכן ער האָט אין זיך דערשטיקט; זיינע פאַרביטערטע ווערטער, וועלכע זיינען געווען ערגער ווי סם פאַר מיר; זיינע געשרייען און זיפצן אין מיטן דער נאַכט, פון וועלכע די האָר האָבן זיך מיר קאַפּויר געשטעלט; די טויטע אומבאַוועגלעכקייט פון זיין קערפּער, ווען ער

איז געלעגן אויסגעצויגן אין זיין בעטל. און זיינע טרערן, וועלכע פלעגן מיטאמאל אנהייבן רינען איינס-בא-איינס פון זיינע אויגן, וועלכע פלעגן בלייבן אפן און ריין, וועלכע פלעגן זיך נישט אנצינדן און נישט רויט ווערן .. יא, מיין פריינט, איר האט געדארפט זען, ווי דאס קינד וויינט, וואלט איר געוווסט ווי אזוי א נשמה וויינט.

גאט, גאט! מיר האבן זיך פארדינט דאס ליכטיקע גן-עדן. צי האבן מיר עס נישט פארדינט?

איך דאנק אייך, מיין פריינט, איך דאנק אייך. איך קען שוין ווייטער דערציילן. לאזט מיך דערציילן, אויב נישט וועל איך אייך נישט קענען דעם סוף דערציילן.

מיר דערנעענטערן זיך שוין צו אים, איר פארשטייט? מיר דערנעענטערן זיך שוין; מיר האלטן שוין באם סוף. וואס פאר א טאג האבן מיר היינט? דעם 27-טן יולי. זייער גוט. דאס איז געשען דעם 9-טן, היינטיקן חודש. עס דאכט זיך מיר, אז עס איז שוין א יאר-הונדערט פארבייגעגאנגען.

איך האָב מיך געפונען אין אַן אַפּטייק-געשעפט, געשטאַנען אײנגעבויגן באַם שרייב-טיש און געאַרבעט איבער די חשבונות. איך האָב מיך געפילט אָפּגע-שוואַכט פון מידעקייט און היץ, אויפגערעגט פון די מוקן, וועלכע האָבן מיך געביסן, און פאַרחלשט פון די רעצעפּטן-ריחות. עס איז געווען 3 אַ זייגער נאָך מיטאָג. אַלע מאָל פלעג איך מיין אַרבעט איבעררייסן, כדי אַ קלער צו טון וועגן דזשיראָן, וועלכער האָט זיך אין יענע טעג געפילט ערגער ווי שטענדיק. אינע-ווייניק אין מיין האַרץ האָב איך אַרומגעטראָגן דזשי-ראָס פיגור, וועלכע איז געווען פאַרצערט פון ליידן, שלאַנק און בלייך, ווי וואַקס.

באַרעכנט נאָר, מיין פריינט, איין זאַך: דורך אַ שפּאַלט אין דער וואַנט, איבער מיין קאָפּ, איז אַריינגעדרונגען אַ זונען-שטראַל.

אַצינד ווייטער. אויף די צעשפּרייטע זעק איז גע-לעגן אויסגעצויגן אַ יונג יונגל און געשלאָפן. די מוקן זיינען אַרומגעפליגן אַרום אים און געזשומשעט, פונקט ווי אַרום אַ נבלה. דער בעל-הבית, דער דראָגיסט, איז אריינגעקומען און זיך געלאָזט גיין אין ווינקל אַריין, וווּ עס איז געשטאַנען דינר וואַש-טיש, עס איז אים געגאַנגען בלוט פון דער נאָז; און כדי זיך נישט

איינצורעכטן דעם וועסט, איז ער געגאַנגען איינגע־בויגענערהייט, און דאָס בלוט פון דער נאָז האָט אויף דער ערד אַראָפּגעטריפט.

עס זיינען אַריבער עטלעכע מינוט פון טויטער שטילקייט. אין דערזעלבער צייט האָט גראָד אין געשעפט קיין קליענט נישט אַריינגעשמעקט; קיין קאַרעטע אויף דער גאַס איז נישט פאַרבייגעפאָרן; דאָס יונגל האָט אויפגעהערט צו שנאָרכן.

מיטאמאָל האָב איך דערהערט דזשיראָס שטימע:

— דאָס ביסטו, פּאַפּאַ?

און ער, אַזאַ צאַרטער, אַזאַ איידעלער, איז געקומען צו מיר אין דעם דאָזיקן שמוציקן אָרט: צווישן די צעוואָרפענע זעק, צווישן די פעסלעך, קאַסטנס מיט זייף. ער האָט זיך באַוויזן פאַר מיר, ווי אַ שאָטן, ווי אַ געשפענסט! פון שטערן האָט זיך אים געגאָסן דער שוויס, די ליפּן האָבן געציטערט; מיר האָט זיך אָבער געדאַכט, אַז ער איז אויפגערעגט פון עפּעס אַ מין ווילדער ענערגיע.

— ווי אַזוי קומסטו עס עפּעס אַהער? אין אַזאַ שעה? וואָס איז געשען?

— קום, קום, פּאַפּאַ, קום?

— אָבער וואָס איז געשען?

— קום, קום מיט מיר!

ער האָט געהאַט אַ הייזעריקע, אָבער אַנטשלאָסענע שטימע. איך האָב אים אַ ווײַלע איבערגעלאָזט, אַ זאָג טוענדיק:

— אין אַ פּאָר מינוט אַרום קום איך צוריק.

שפּעטער בין איך צוזאַמען מיט אים אַרויס, אָבער די פיס האָבן זיך מיר געבויגן.

מיר זײַנען דערגאַנגען ביז טריטאָנס גאַס, דערנאָך האָבן מיר זיך געלאָזט צום פּלאַץ באַרבעריני, וועלכער האָט מיר אויסגעזען ווי אַ טײַך פון ווײַסן פײַער. איך האָב גאָרנישט מער געזען ווי פײַער. דזשירדאָ האָט זיך אָנגעהאַלטן אָן מײַן האַנט.

— נו, פאַרוואָס רעדסטו נישט? וואָס איז געשען?

— האָב איך אים צום דריטן מאָל אַ פרעג געטאָן — און גלײַכצײַטיק זיך געשראָקן פאַר זײַנע ווערטער.

— קום מיט מיר, קום. וואַנצער האָט זי געשלאָגן... ער האָט זי געשלאָגן...

פאַר גרויס כעס האָבן זיך אים די ווערטער אין האַלדז געשטעלט.

עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער קען שוין מער נישט

רעדן. ער האָט פאַרגיכערט זיינע טריט און האָט מיך נאָך זיך נאָכגעשלעפּט.

— איך האָב אַליין מיט מיינע אויגן געזען — האָט ער געזאָגט. — אין מיין צימער האָב איך געהערט ווי מען האָט געשריגן; איך האָב געהערט די ווער־טער... וואַנצער האָט איר פאָרוואורפן געמאַכט, האָט זי געשאָלטן מיט אַלערליי קללות.. דו פאַרשטייסט? איך האָב געזען, ווי ער האָט זיך אויף איר ארויפ־געוואָרפן מיט אויפגעהויבענע הענט און געשריגן...„נאַדיר! נאַדיר! נאַדיר!“ .. אין פנים אַריין, אין האַרץ, אין דער זייט; אומעטום, וווּ ער האָט נאָר גע־טראָפן... „נאַדיר! נאַדיר!“ — און ער האָט זי ווידער געשאָלטן... אַך, אַך, דו פאַרשטייסט דאָס!..

זיין שטימע איז נישט געווען צו דערקענען. זי איז געווען הייזעריק, קוויטשעדיק. איך האָב מיט גרויס שרעק בעקלערט: אָט־אָט פאַלט ער, אָט־אָט בלייבט ער ליגן דאָ אויפן אָרט.

אָבער ער איז נישט געפאַלן; ער האָט אַלץ פאַר־גיכערט זיינע טריט, און איך האָב מיך נאָכגעשלעפּט, אונטער די ברענענדיקע זונען־שטראַלן.

— אפשר מיינסטו, אז איך האָב מיך באַהאַלטן? אפשר מיינסטו, אַז איך האָב מיך פאַרשלאָסן, אַז איך האָב

מוֹרא געהאַט? ניין. איך האָב מיך גאָרנישט געשראָקן. איך האָב מיך אַנטקעגן געשטעלט; איך האָב געשריגן אויף אים; איך האָב מיך אָנגעטשעפּעט אָן זיינע פיס; איך האָב אים אַ ביס געטון אין דער האַנט... אַנ־דערש האָב איך נישט געקענט.. ער האָט מיך אַנידער־געוואָרפן אויף דער ערד; דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַרויפגעוואָרפן אויף דער מאַמען; ער האָט זי בײַ די האָר געריסן... אַזאַ אויסוואורף, אַזאַ אויסוואורף!

עס האָט אים אָנגעהויבן שטיקן אין האַלדז. ער האָט זיך אָפּגעהאַלטן. דערנאָך האָט ער ווידער אָנ־געהויבן.

— אַזאַ אויסוואורף! ער האָט זי בײַ די האָר אָנ־געכאַפּט, ער האָט זי צום פענסטער געשלעפּט... ער האָט זי געוואָלט פון פענסטער אַראָפּוואַרפן... אָבער דערנאָך האָט ער זי אָפּגעלאָזט... „אַנטלויף פון דאַ־נען! אַז נישט טייט איך דיך!“ — אַזוי האָט ער גע־זאָגט. און זי איז אַנטלאָפן געוואָרן; זי איז פון שטוב אַנטלאָפן געוואָרן.. אָך, ווען איך וואָלט אַ מעסער געהאַט!

ער האָט ווידער איבערגעריסן זיינע רייד. מיר זיינען שוין געווען אין דער פוסטער גאַס סאַן־באַזיליאָ.

...ענדיק, אַז ער האַלט שוין בײַ פאַלן, האָב איך מיך אָנגעהויבן בעטן בײַ אים!

— האַלט דיך איין אַ ביסל, האַלט דיך איין, מיין טייערער דזשיראָ! לאָמיר זיך אויף אַ ווײַלע פאַרהאַלטן, דאָרט אין שאָטן. דו קענסט דאָך שוין נישט קיין טריט שטעלן.

— ניין, מען דאַרף דאָס מאַכן שנעל, מען דאַרף קומען צו דער רעכטער צייט... אפשר וועט וואַנצער צוריק קומען און וועט זי דערהרגענען!.. די מאַמע האָט שטאַרק מורא געהאַט ער זאָל נישט צוריק קומען;.. זי האָט מורא געהאַט נישט געהרגעט צו ווערן פון אים. איך האָב געהערט, ווי זי האָט מאַריאַן געזאָגט, אַז זי וויל איינפּאַקן א ביסל זאַכן אין אַ וואַליזע און אַוועקפאָרן קיין רוים... איך רעכן קיין טיוואָלי... צו דער מומע אַמאַליאַ. מיר וועלן קומען צו דער צייט וועס זי לאָזן אַוועקפאָ״ן?

ער האָט זיך פאַרהאַלטן, און מיר אַרייַנגעקוקט גלייך אין פּנים אַריין, און געוואַרט אויף מיין ענטפער. איך האָב מיט אַ האַלב מויל אַ זאָג געטון:

— ניין, ניין.

— און אים וועסטו אַרייַנלאָזן אין שטוב אַריין? וועסט אים גאָרנישט זאָגן? וועסט אים גאָרנישט טון?

איך האָב אים קיין וואָרט נישט געענטפערט. ער האָט נישט פאַרשטאַנען, אַז איך בין גרייט געווען מיך צו באַגראָבן פאַר גרויס צער און חרפּה. יאָ, ער האָט דאָס נישט פאַרשטאַנען, ווייל נאָך אַ ווײַלע שווייגן האָט ער מיטאַמאָל אַ געשריי געטון מיט אַן אַנדערער שטימע, ווי פריער. זיין קול האָט געציטערט פאַר גרויס האַרץ-אויפרעגונג.

— טאַטע, טאַטע, האָסט גאָר קיין מורא נישט?.. האָסט גאָר קיין מורא נישט פאַר אים?.. זאָג, זאָג?!

איך האָב אַ מורמל געטון:

— ניין... ניין...

און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען. די זון האָט שרעקלעך געבאַקן. מיר האָבן געשפּרייזט איבער די ווּיסטע ערטער פון דער ווילדע לודאָוויזי, צווישן אָפּגעהאַקטע שטאַמען, צווישן קאַלך גרובנס און ערטער, וואָס זיינען פאַרשיט געווען מיט קליינע שפּיציקע שטיינדלעך. בעסער שטאַרבן, בעסער פאַרברענט ווערן אַ לעבעדיקער אין איינעם פון די דאָזיקע קאַלך-גרובנס, איידער זיך צו באַגעגענען מיט אַזאַ שאַנד-געשעעניש. אַזוי האָב איך מיר געטראַכט. אָבער דזשיראָ

האָט מיך ווידער אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און מיך מיטגעצויגן צו מײַן אומפּאַרמיידלעכן גורל.

ענדלעך זײַנען מיר אָנגעקומען, מיר זײַנען אַרויפּ־געגאַנגען.

— האָסט דעם שליסל? — האָט מיך דזשיראָ גע־פרעגט.

איך האָב אים געהאַט. איך האָב גלײַך אויפגעעפנט די טיר. דזשיראָ איז אַרײַן דער ערשטער און אויס־געשריגן:

— מאַמע! מאַמע!

קיין וואָרט האָט קיינער נישט געענטפערט.

— מאַריאַ!

קיינער האָט ווידער נישט געענטפערט.

די שטוב איז געווען פּוסט. עס האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט.

— שוין אַוועקגעפאָרן! — האָט דזשיראָ אַ זאָג גע־טון — וואָס וועסטו טון?

ער איז אַרײַן אין אַ צימער און אָנגעוויזן מיט דער האַנט.

— דאָ איז עס געשען.

אַ שטול איז נאָך געלעגן איבערגעדרייט. אויף דער פּאָדלאָגע האָט זיך געוואַלגערט אַ צעקרומטער לעפל און אַ רויט פרענדזל. דזשיראָ האָט זיך איינגעבויגן, אויפגעהויבן עטלעכע לאַנגע האָר און מיר געוויזן

— דו זעסט?

עס האָבן אים הענט און פיס געציטערט. זיין ענער־גיע איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן. זיינע כּוחות האָבן אים פאַרלאָזט. איך האָב באַמערקט, אַז ער וואַקלט זיך. איך האָב געזען, ווי ער גליטשט זיך פון מיינע הענט אַרויס. איך האָב אויסגערופן:

— דזשיראָ, דזשיראָ, מיין קינד!

ער איז געווען אומבאַוועגלעך. איך ווייס נישט ווי אַזוי עס איז מיר געלונגען צו באַזיגן מיין שוואַכ־קייט, וועלכע איז אויך מיך באַפאַלן. איין געדאַנק איז מיר אין קאָפּ אַריין: „אויב וואַנצער וואָלט אַצינד אָנ־געקומען?". איך ווייס אויך נישט, ווי אַזוי עס איז מיר געלונגען צו דערטראָגן דאָס אומגליקלעכע באַשעפעניש צו זיין בעטל.

ער איז צו זיך געקומען. איך האָב אים געזאָגט:

— אַצינד דאַרפסטו דיך אויסרוען. זאָל איך דיך אויסטון? האָסט פיבער. איך וועל רופן אַ דאָקטאָר. אַצינד וועל איך דיך אויסטון, שטיל, רויק. ווילסט?

[stamp]

איך האָב גערעדט און געטון, פּונקט ווי עס וואָלט גאָרנישט געשען, פּונקט ווי אַלץ וואָלט געווען אין אָרדנונג, פּונקט ווי עס וואָלט מיר נישט געבליבן קיין אַנדערע זאַך, ווי נאָר אַכטונג צו געבן אויף דעם קינד. אָבער איך האָב געפילט, איך האָב געוווסט, איך בין געווען זיכער, אַז עס איז נישט אַזוי, אַז עס קען אַזוי נישט זיין. איין געדאַנק האָט מיר מיין מוח געבויערט: עפּעס אַ פאַרלאַנג פון דערוואַרטונג האָט מיין גאַנץ וועזן באַהערשט. דער שוידער, וואָס איז דערגאַנגען ביזן העכסטן פּונקט, האָט זיך פאַרשפּרייט איבער מיין גאַנצן גוף, אַזוי, אַז די האָר האָבן זיך מיר קאַפּויר געשטעלט.

איך האָב איבערגעחזרט.

— לאָז דיך אויסטון און אַריינלייגן אין בעטל.

דזשיראָ האָט געענטפערט:

— ניין; איך וויל בלייבן אָנגעטון.

זיין ניי קול, זיינע נייע ווערטער האָבן דאָך אין מיר נישט דערשטיקט זיין איינפאַכע, אָבער שווערע פראַגע: „וואָס וועסטו טון?“

„וואָס וועסטו טון?“ „וואָס וועסטו טון?“

איך האָב נאָך נישט געהאַט קיין שום אַנונג פון אַ וואָסער עס איז טעטיקייט.

עס איז מיר שווער געווען זיך אויף עפּעס צו באַשליסן, צו געפינען אַן אויסוועג, אויסצוקלערן אַ באַליידיקונג, אָדער פאַר זיך אַ פאַרטיידיקונג. די צייט איז געגאַנגען און עס איז גאָרנישט געשען. איך האָב געדאַרפט גיין נאָך אַ דאָקטאָר פאַר דזשיראָן. אָבער צי וועט מיך דזשיראָ לאָזן אוועקגיין? און אויב ער וועט באַשטיין, מוז ער דאָך בלייבן אַליין. עס איז דאָך מעגלעך, אַז איך זאָל וואַנצערן אויף די שטיגן באַגעגענען, און דאַמאַלס? אָדער וואַנצער קען אָנקומען, ווען איך וועל נישט זיין, און דאַמאַלס?

לויט דזשיראָס פאַרלאַנג דאַרף איך אים אין שטוב נישט אַריינלאָזן; איך דאַרף אים זאָגן, איך דאַרף אָננעמען מיטלען. זייער גוט, איך האָב געקענט צומאַכן די טיר פון אינעווייניק אויפן ריגל. וואַנצער, נישט קענענדיק אויפמאַכן די טיר מיטן שליסל, וואָלט געצויגן דאָס גלעקל, וואָלט געקלאַפּט און מיט כעס געטופּעט מיט די פיס, און דאַמאַלס?

מיר האָבן געוואַרט.

דזשיראָ איז געלעגן אויסגעצויגן אויף דער פּלייצע: איך בין געזעסן לעבן אים, און מיט מיין האַנט אים געטאַפּט דעם פּולס. די קלעפּ האָבן זיך פאַרגרעסערט מיט אַ משונהדיקער שנעלקייט.

מיר האָבן אַ וואָרט נישט אַרויסגערעדט. עס האָט זיך אונדז געדאַכט, אַז מיר הערן קלעפּ, אָבער אפשר האָבן דאָס געקלאַפּט אונדזערע אייגענע הערצער. דורכן פענסטער האָט זיך געזען די הימל-בלויקייט; די שוואַלבן זיינען, ווי משוגענע, געפלויגן אַהין-און-אַהער, אַז עס האָט זיך געדאַכט, זיי ווילן זיך אינעווייניק אַריינרייסן: די פאָרהאַנגען האָבן זיך אָנגעבלאָזן, ווי זיי וואָלטן געוואָלט אָפּעטעמען: אויף דער פּאָדלאָגע האָט די זון פּונקט אויסגעמאָלט די רעכטע טייל פון פענסטער, אין וועלכן עס האָבן זיך אָפּגעשפּיגלט אַלע באַוועגונגען פון די שוואַלבן. די אַלע זאַכן האָבן שוין פאַר מיר נישט געהאַט קיין שום באַדייטונג: איך האָב דאָס געזען, ווי אַ חלום; דאָס איז שוין נישט געווען קיין לעבן, עס האָט נאָר סימולירט דאָס לעבן. אַפילו מיינעליידן האָבן מיר אויך אויסגעזען, ווי אַן אילוזיע. ווי לאַנג וועט דאָס נאָך אַזוי דויערן?

דזשיראָ האָט מיר געזאָגט:

איך בין זייער דורשטיק. דערלאַנג מיר אַ ביסל וואַסער

— איך האָב מיך אויפגעהויבן, כדי אים אַ ביסל וואַסער צו דערלאַנגען. אָבער די פלאַש אויפן טיש איז ליידיק געווען. איך האָב זי גענומען און געזאָגט:

— איך גיי אין קיך אַריין נאָך וואַסער.

איך בין אַרויס פון צימער און אַוועק אין קיך אַריין. איך האָב אונטערגעשטעלט די פלאַש אונטערן קראַן. די קיך איז געווען נאָענט צום הויפּט־אַריינגאַנג. איך האָב דייטלעך דערהערט, ווי עמיצער דרייט מיט אַ שליסל אין שלאָס־לאָך. איך בין געבליבן שטיין, ווי אַ צוגעשמידטער צום אָרט. איך האָב דערהערט, ווי די טיר עפנט זיך, און איך האָב גלייך דערקענט וואַנ־צערס טריט.

ער האָט אויסגערופן:

— דזשינעווראַ!

עס איז שטיל געוואָרן. ער האָט געמאַכט נאָך עט־לעכע טריט. ער האָט ווידער אויסגערופן:

— דזשינעווראַ!

שטיל. נאָך טריט. ער האָט, ווייזט אויס, זי אַצינד אַרומגעזוכט איבער די צימערן. איך האָב מיך אַלץ נישט געקענט פון אָרט רירן.

פּלוצלינג האָב איך דערהערט אַ געשריי פון מיין זון, אַ ווילדן געשריי, וועלכער האָט מיך גלייך אויפ־געוועקט פון מיין פאַרגליווערטן צושטאַנד. מיינע אויגן זיינען שטיין געבליבן אויף אַ מעסער, וואָס האָט גע־גלאַנצט אויף אַ קופערט; גלייכצייטיק האָט זיך מיין

האַנט אַ צי געטון דערצו. און פּונקט ווי דורך אַ שטורם-ווינט, האָט עס מיך אַ טראָג-געטון אין מיין זונס צימער אַריין. איך האָב דערזען, ווי מיין זון איז צוזאַמענגעקנוילט געווען מיט וואַנצערן, און ווי וואַנצער האָט אים געהאַלטן אין איין דערלאַנגען...

צוויי, דריי פּיר, און דאָס מעסער האָט שוין געשטעקט אין זיין רוקן... עס איז אַריין טיף, טיף ביזן הענטל...

אַך, מיין פריינט, האָט רחמנות, האָט רחמנות און לאָזט מיך נישט איבער אַליין. נאָך איידער די זון וועט פאַרגיין וועל איך שטאַרבן. דאַמאָלס וועט איר צוגיין צו מיר, מיר צומאַכן די אויגן און אוועקגיין. ניין, ניין, אפילו דאָס בעט איך אייך אויך נישט; איידער איך וועל שטאַרבן, וועל איך זיי אַליין צומאַכן.

איר זעט מיין האַנט. איך האָב מיך צוגערירט צו זיינע ברעמען און זי איז געל געוואָרן... איך האָב אים געוואָלט לייגן, דזשיראָן, אָבער ער פלעגט זיך יעדע מינוט אויפהייבן און שרייען.

— טאַטע, טאַטע! ער קוקט אויף מיר.

אָבער ווי האָט ער געקענט קיקן אויף אים, אַז ער איז געווען צוגעדעקט? מסתּם קוקן טויטע אפילו דורך די תּכריכים אַדורך?..

די לינקע ברעם האָט זיך נישט געלאָזט; זי איז געווען קאַלט, קאַלט...

וויפל בלוט! קען אַ מענטש פאַרמאָגן אַ ים בלוט? אָבער די אָדערן זעט מען דאָך קוים אָן; אַזוי דין און איידל, אַז מען זעט זיי קוים. און דאָך... איך ווייס נישט, ווו די פיס אַהינצוטון; מיינע קאַמאַשן זיינען ווייך געוואָרן, ווי אַ פּאָר שוואָמען.

— איז דאָס נישט מאָדנע? — ווי צוויי שוואָמען.

איינער האָט אַזוי פיל בלוט; דער צווייטער אַפילו קיין טראָפּן נישט: — אַ ליליע...

אַך, מיין גאָט, אַ ליליע! זיינען נאָך דאָ ווייסע זאַכן אויף דער וועלט?

וויפל ליליעס!

אָבער צי זעט איר, צי זעט איר, מיין פריינט, וואָס עס נעמט מיך? אַך, ווי גוט! וואָס איז דאָס, וואָס נעמט מיך?

נאָך איידער די זון וועט אונטערגיין. אַך, איידער די זון וועט פאַרגיין...

א שוואַלב!.. א שוואַלב איז אַריינגעפלויגן...
לאָזט זי אַריין... לאָזט די שוואַלב אַריין...

ר ו י ם, יאַנואַר 1891